STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08883

IN HELN TOG

Moishe Strugatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה סטרוגאַטש

אין העלן טאָג

לידער, באַלאַדן און מעשהלעך

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט פון לערער און טוער

ניו־יאָרק 1960

MOISHE STRUGATCH

IN BROAD DAYLIGHT

Copyright 1960 by
MOISHE STRUGATCH

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

אַ מתנה די קינדער
פון די אידישע שולן

אַ וואָרט צו אייך, קינדער

אידישע קינדער, איידעלע, פיינע,
איך קום מיט מיין וואָרט און קלאַנג צו אייך ווידער:
איך האָב אייך געווידמעט יאָרצענדליקע מיינע,
איצט ווידמע איך אייך מיינע לידער.

איך האָב אייך געלערנט, געפירט און דערצויגן,
געשענקט אייך מיט ליבע מיין האַרץ און געוויסן,
ווי מאַמע געוואַכט מיט טויזנט פאָר אויגן,
און שטענדיק געטיילט זיך מיט קאָפּ און מיט וויסן.

איצט ווידמע איך אייך די פרוכט פון מיין שאַפן
און האָף, אַז איר וועט פון דעם עפּעס געניסן —
טאָ זאָל מיין מתנה פרייד אייך פאַרשאַפן
און ברענגען אַ לערערס האַרציקסטע גרוסן.

אידישע קינדער

קינדערשע הערצעלעך — צאַרטע און ווייכע,
אומשולדיק־ריינע און קלאָרע ווי שניי;
הערעלעך שוואַרצע, פּנים׳לעך בלייכע,
און אויגן — עס לויכט זיך דער הימל דורך זיי.

קוקן די קינדערשע אייגלעך פאַרטראַכטע
אין וועלטן אין ווייטע פון רוים און פון בלוי,
לעכצן די קינדערשע הערצער פאַרשמאַכטע
נאָך פרישן און קלאָרן דערקוויקנדן טוי.

בלאָנקען זיי אום איבער פעלדער פון רוימען
פאַרזייטע מיט קליינינקן שוואַרצינקן מאָן,
שלינגען זיי גיריק דעם נאַרהאַפטן זוימען
און טרינקען זיך דאָרשטיק מיט בלומען־זאַפט אָן.

שטראַלן די אייגלעך מיט קינדערשן פייער,
פלאַמען די בעקלעך מיט קינדערשן חן — —
אידישע קינדער, ווי זיינט איר מיר טייער,
ווי וואונדערלעך קלוג און ווי וואונדערלעך שיין!

מיין יינגעלע

גערוידמעט מיין אייניקל וואָרען

איך האָב ניט קיין זילבער,
איך האָב ניט קיין גאָלד,
נאָר דאָך אַ פאַרמעגן
אַ היבשן כ׳פאַרמאָג.

איך האָב ניט קיין רינגען,
קיין גאָלדענע קייט,
נאָר אַן אוצר אַ שטילן,
וואָס פאַר אַלץ שוין באַשטייט.

אַ יינגעלע האָב איך
פון יאָרעלעך צוויי,
זיינען חלומות
פאַרוויקלט אין זיי.

חלומות געטרוימטע
פאַרווירקלעכט אין וואָר —
ווער דאַרף עס רייכקייט!
ווער דאַרף עס גאָר!

צו וואָס מיר די רינגען,
בריליאַנטן מיט גלאַנץ,
אַז הענטעלעך דינע
פאַרוויקלען מיין האַלדז.

און צו וואָס מיר די הייזער —
אַ גאַנצענע ריי,
אַז מיין יינגעלעס שמייכל
איז מער ווערט פון זיי.

דריק איך צום ברוסט אים
און קוש אים געשמאַק —
דעם טעם ניט צו קויפן
מיט רענדלעך אַ זאַק!

גלעט איך זיין קעפל,
די זיידענע האָר —
ווער דאַרף בריליאַנטן?
ווער דאַרף עס גאָר!

כ'האָב ניט קיין זילבער,
כ'האָב ניט קיין גאָלד,
נאָר מיין יינגעלע בייטן —
כ'וואָלט אויף זיי קיינמאָל געוואָלט!

יידיש-שול

אונדזער שול

אונדזער קליינע קינדער־שול
איז מיט גוטע קינדער פול;
אַלץ איז ניי, אַלץ איז פריש:
סיי די בענק און סיי דער טיש.

בוך און העפט, העפט און בוך —
אַלץ איז ריין, אַלץ איז פיין;
און די קינדער זיצן שטיל,
הערן זיך צום לערער איין.

אָט האָט ער מיט אונדז אַ שפיל,
אָט דערציילט אַ מעשה ער —
אַרבעט טאַקע אַזוי פיל,
אָבער עס איז גאָרניט שווער.

זעכצן בענקלעך, טיש און שטול —
דאָס איז אונדזער גאַנצע שול.
נאָר מיט פרייד איז שטענדיק פול
אונדזער קליינע קינדער־שול.

דער ערשטער טאָג

עס איז טומלדיק און פריילעך,
ס׳איז דער קלאַס מיט קינדער פול;
ס׳זיינען אַלע קינדער גליקלעך:
ס׳איז דער ערשטער טאָג פון שול.

ס׳הערשט אַ פרייד אין אַלע אויגן,
יעדנס פּנים רעדט מיט גליק, —
גלייך ווי נאָר פון קעמפּ געקומען
און אין שול געלאָפן צריק.

ס׳קומט אַריין פון גאַס דער לערער,
ס׳לויכט זיין פּנים אויף מיט פרייד:
כאָטשבי אַלע אויף אַ מאָל זיי
איז אַרומנעמען ער גרייט!

אָבער ס׳זיינען קינדער פלינקער,
לויפן זיי די ערשטע צו,
כאַפּן אים אַרום און קושן:
— וואָס מאַכסט דו און וואָס מאַכסט דו?

עס באַרואיקט קוים דער לערער,
סיי אַליין זיך, סיי די קינדער:
ניט געזען זיך גאַנצע וואָכן —
וואָס איז דאָ אַזוי דער וואונדער?...

זיצן, זיצן זיבן קינדער...

לויט אַן אַלטן פֿאָלקס־ליד.

זיצן, זיצן זיבן קינדער
אויף אַ שוועל אַ האַרטן,
זיצן, זיצן זיבן קינדער
ביי דער שול און וואַרטן.

רופט זיך אָנ׳עט איינס פון זיי:
— וואָלט דער לערער קומען —
וואָלט איך ליבלעך אים באַגריסט
מיט אַ נייג אַ שטומען.

רופט זיך אָפּ דאָס אַנדערע:
— וואָלט דער לערער קומען —
וואָלט איך אים אַוועקגעגעבן
אַלע מיינע בלומען.

רופט זיך אויך דאָס דריטע אָפּ:
— וואָלט דער לערער קומען —
וואָלט איך ווי מיין פּאַפּאַ אים
הייס אַרומגענומען.

זיצן, זיצן זיבן קינדער
מיט אַ בליק אַ פרומען —
און זיי קוקן, און זיי וואַרטן,
ס׳זאָל דער לערער קומען...

שרה׳לעס כעס

שרה׳לע איז היינט געוואָרן
אויף איר לערער שטאַרק אין כעס:
ס׳האָט דער לערער זיך געבייזערט
היינט אַזוי אויף איר אין קלאַס...

„ס׳איז דער לערער אַזאַ שלעכטער...״ —
קלעמט איר קליינטשיק האַרץ צעווייטיקט:
ס׳האָט דער לערער אַזוי שווער זי,
אַזוי שטאַרק זי היינט באַליידיקט...

און ס׳באַשליסט די קליינע שרה
מער דעם לערער ניט צו ליבן...
„און זי וועט אויך מער ניט שפּילן!...״ —
איז אַזוי ביי איר געבליבן.

אָבער באַלד האָט זי באַקלערט זיך:
איז זי טאַקע דען גערעכט?
איז דער לערער אַזאַ בייזער?
איז ער טאַקע אַזוי שלעכט?...

אָט האָט ער דערציילט זיי היינט
אַזאַ מעשה׳לע אַ שיינס:
פון אַ ווייסן ציגן־באָק
מיט אַ בערדעלע אַ קליינס.

ווי עס איז אַוועק דער באָק
צו דעם שטעטל־שערער,
האָט זיין בערדל אָפּגעגאָלט:
ניט געוואָלט עס מערער...

און ווי שפּעטער איז אויף ס׳ניי,
טאַקע אויף דעמזעלבן אָרט,
אויסגעוואָקסן איבער נאַכט
אָט אַזאַ־אָ לאַנגע באָרד...

און ער האָט אויך בילדער זיי
פונעם באָק געמאַכט,
האָבן אַלע קינדער שטאַרק,
אַזוי פריילעך, הויך געלאַכט...

טראַכט אַזוי זיך שרה׳לע
פונעם לערער און דעם קלאַס,
און עס גייט צוביסלעך אָפּ
איר פאַרדראָס אויף אים און כעס.

באַשליסט שוין איצטער שרה׳לע
דעם לערער ווידער ליבן...
„ער איז דאָך קיין שלעכטער גאָר" —
איז ביי איר איצט פעסט געבליבן...

דאָס עלפטע געבאָט

יעדעס קינד האָט פון געבוירן
פיינט געלאַסנקייט און רו:
נאָר אַ שטיף טאָן און אַ שפּיל טאָן —
ס'מאַכט ניט אויס אים, ווען און וואו.

מעגן זיצן פרעמדע מענטשן,
מעג זיך זיין ווי קאַלט — אין גאַס,
און אַפילו פאַר די אויגן
פונעם לערער אינעם קלאַס.

נאָר איין אסתר איז אַן אויסנאַם:
אויף דער לעקציע זיצט זי שטיל,
און ווען ס'לייענט פאַר דער לערער
הערט זי איין זיך מיט געפיל.

יעדעס וואָרט, וואָס ס'זאָגט דער לערער,
זוכט זי ריכטיק צו פאַרשטיין,
ענטפערט ערנסט אויף די פראַגן,
און גאַנץ אָפט אויך פרעגט אַליין.

עס פאַרדריסט איר בלויז אויף יענע,
וועלכע הערן זיך ניט איין...
ווען עס וואָלט אָן איר געווענדט זיך,
לאָזט זי גאָר זיי ניט אַריין...

איבערהויפּט האָט איר פֿאַרדראָסן,
ווען דער לערער האָט דערציילט,
ווי ס׳האָט משה פֿאַר די אידן
צען געבאָטן איינגעטיילט.

ס׳האָט אַ ווײַלע שווער פֿאַרקנייטשט זיך
איר קליין שטערנדל מיט חן,
און זי האָט געשטעלט אַ פֿראַגע:
— „לערער, כ׳קען דאָס ניט פֿאַרשטיין...

„משה, אָט דער גרויסער פֿירער
„האָט געגעבן צען געבאָט:
„ווי באַציִען זיך צו מענטשן
„און צו יהוה דעם גאָט.

„נאָר אָן איינעם זייער וויכטיק
„האָט ער גאָר פֿאַרגעסן זיך:
„אָנצוזאָגן אַלע קינדער —
„ווי אין קלאַס צו האַלטן זיך...

„און מיר דאַכט, אַז אָט דער עלפֿטער
„איז דער וויכטיקסטער געבאָט...
„ווי זשע אָט דער גרויסער לערער
„גאָר אָן דעם פֿאַרגעסן האָט?..."

ס׳לאַכט דער קלאַס זיך הויך פאַנאַנדער:
טאַקע גוט וואָס ר׳האָט פאַרגעסן....
סיי־ווי קיינער וואָלט געפאָלגט אים
און וואָלט רואיק ניט געזעסן...

און דער לערער שמייכלט ליבלעך
און ער ענטפערט: — „ביסט גערעכט...
ס׳וואונדערט מיך דאָסזעלבע אויכ׳עט,
ס׳וואָלט געוועזן זייער רעכט...״

אסתר בלייבט דאָך ניט צופרידן,
ווייל זי קען דאָס ניט פאַרשטיין:
פאַר אַ לערער זיך פאַרגעסן —
אַזאַ זאַך איז גאָרניט שיין...

אַ שפּיצל

אַי די חברה, אָט די קליינע:
אַזאַ שפּיצל אָפּגעטאָן! —
זיך אין קליידער פון האַלב־ווילדע
אינדיאַנער אָנגעטאָן...

און ווען ס׳איז אַריין אין קלאַס
נאָך דער פּאַוזע דער לערער,
האָט ער זיינע קינדער שוין —
ניט געטראָפן דאָרטן מערער...

אויף די בענק זיינען געזעסן
עפּעס ווילדע מענטשן גאָר...
אין משונה מאָדנע קליידער
און מיט מאָדנע לאַנגע האָר...

הויך פאַרקאַשערט זיך די הייזלעך
און מיט שמאַטעס אָנשטאָט זאָקן...
און פון קאָפּ פּאַפּירלעך הענגען,
צוגעשניטן פּונקט ווי לאָקן...

אויפן קאָפּ אַ מאָדנע צירונג:
דאַכט זיך פעדערן פון הינער...
און עס הענגט פון יעדנס נעזל
עפּעס דאָרט אַ רינג אַ דינער...

און די קליידער — אַזוי מאָדנע:
אויסגעמישט דאָ טויזנט פאַרבן...
קוקנדיק אויף אָט די ברואים
קען מען פון געלעכטער שטאַרבן...

ס'זיצן אַלע, שווייגן ערנסט,
ווי ניט זיי דאָס גאָר געמיינט...
און דער לערער שטייט פאַרוואונדערט
און ער קוקט אויף זיי דערשטוינט...

ר'שטייט און קוקט, ווי ער וואָלט וועלן
זיך אָן עפּעס וואָס דערמאָנען...
און די קינדער שמייכלען כיטרע:
וועט דער לערער זיי דערקאָנען?...

יאָ... דער לערער האָט דערקאָנט זיי
און ער האָט זיך הויך צעלאַכט:
„אַי האָט איר עס, שטיפערס גרויסע,
„אַזאַ שפּיל היינט צוגעטראַכט!...

„נאָר צו וואָס זיך דאָס פאַרשטעלן
„און פאַרקליידן זיך אַזוי?
„איר דאַרפט גאָרניט אָט די קליידער:
„איר זייט ווילד גענוג אַזוי..."

אַלע קינדער לאַכן הילכיק,
פריילעך פון דער קלוגער שפּיל;
דויערט עס גאַנץ לאַנג דערנאָכדעם,
ביז אין קלאַס ווערט ווידער שטיל.

אין זונען-שײַן

פרילינג

קינדערלעך יונגינקע,
פּנימ׳לעך פרישינקע,
אייגעלעך גלאַנצן מיט פרייד ;
שטימעלעך קלינגענדע,
פייגעלעך זינגענדע,
זון אַ צעשמייכלטע ברייט.

וואַסערלעך רוישנדע,
ווינטעלעך ברויזנדע,
נאָר וואָס דעם ווינטער באַגלייט ;
פעלדער באַגרינטע,
מיט פאַרבן באַשפּינטע —
מיט אויפבלי און יוגנט פאַרזייט.

מיין באַגריסונג

ביי מיין פענצטער איז אַ גאָרטן
און עס וואַקסן דאָרטן בלומען,
זיינען פייגעלעך אַהינצו
היינט צום ערשטן מאָל געקומען.

וועל איך באַלד אַרויס אין גאָרטן
מיינע בלומען פריש באַגיסן,
וועל איך שוין אין איינוועגס דאָרטן
מיינע ליבע געסט באַגריסן.

כ׳וועל אַרויס צו זיי און זאָגן:
— „אַ גוט־מאָרגן, ליבע געסט!
„ס׳איז מיין גאָרטן פאַר אייך אָפן,
„בויט אייך דאָ זיך אייער נעסט.

„איר וועט קענען לוסטיק זינגען,
„פריי דאָ שפּרינגען, אומגעשטערט;
„וואַסער וועט דער טוי אייך געבן,
„קערענדלעך — די ערד.

„און ווען איר וועט קינדער יונגע
„פון די אייעלעך אויסבריען,
„זאָלן זיי זיך פריי דאָ וואַקסן,
„ביז זיי וועלן קענען פליען.

„ס'איז מיין גאָרטן פאַר אייך אָפן
„און איר קענט דאָ רואיק לעבן;
„ס'וועט אייך קיינער דאָ ניט יאָגן:
„איך אַליין וועל אַכטונג געבן".

און איך וועל זיי קערנער וואַרפן:
זאָלן זיי עס פריילעך קלייבן;
זאָלן זיי זיך פילן היימלעך
און אויף זומער דאָ פאַרבלייבן.

אָט אַזוי וועל איך אַרויס באַלד
מיינע בלומען פריש באַגיסן,
און לכבוד זייער קומען
הייס די פייגעלעך באַגריסן.

צו אַ פייגעלע

פייגעלע, דו שיינס,
פייגעלע, דו קליינס,
דערצייל מיר עפּעס נייעס פון דער וועלט !
ביסט אַזויפיל אויסגעוועזן,
האָסט אַזויפיל אויסגעזען, —
דערצייל, וואָס דיר געפעלט.

איבער ימים, איבער טייכן,
איבער ווייטע קעניגרייכן,
איבער וויסטעניִשן, פעלדער,
איבער טיף־געדיכטע וועלדער —
וואו ביסטו דען ניט געוועזן !

ביי די ימים פעסטע ברעגן,
אויפן וואַסער גרויסע שיפן,
צווישן פעלזן שמאָלע שטעגן,
און אין שטורעם שטילע ריפן —
וואָס האָסטו דען ניט געזען !

דערצייל פון אַלץ מיר כאָטש אַ האָר,
דערצייל אַ טראָפּעלע בלויז נאָר...

ווייסטו דען פון וואָס איך טראַכט,
ווען איך ליג אין בעט ביינאַכט ? —
עס ווייס דערפון ניט קיינער...
ס'איז אַ סוד ביי מיר פאַרבאָרגן
פאַר דעם ווייטן, ווייטן מאָרגן,
נאָר איך האָב דערפון שוין זאָרגן...

כ׳ווייס: איך בין דאָך נאָך אַ קליינער.
נאָר ווען כ׳וועל אַ גרויסער ווערן,
מער נישט דאַרפן קיינעם הערן,
וועל איך ווערן דאַן — אַ וואַנדערער...
פון איין שטאָט אין דער אַנדערער,
פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן,
וועל איך גיין און וואַנדערן —
ביז איך וועל צום סוף דערגיין...

כ׳וועל זיך לאָזן איבער ימ׳ען
מיט די שיפערלייט צוזאַמען,
כ׳וועל זיך לאָזן מיט די שיפן
אין דעם ים דעם גרויסן, טיפן,
און וועל זען, ווי גרויסע פישן,
פון די טיפסטע טיפענישן,
שפּרינגען איבער שיפן הויך —
ווילן איינשלינגען אין זייער בויך...

כ׳וועל אַ באַרג אין וועג אַ הויכן
אָנטרעפן — אַ ריז!
וועל איך צו זיין שפּיץ דערגרייכן —
זען, וואָס דאָרטן איז...

כ׳וועל זיך לאָזן איבער פעלדער
מיט די וואונדערבאַרסטע בילדער,
איינס פון צווייטן שענער, מילדער;
כ׳וועל זיך לאָזן איבער וועלדער
מיט די אויסטערלישסטע חיות —
איינס פון צווייטן גרעסער, ווילדער...

כ׳וועל זיך לאָזן ווייט און ברייט,
וואו נאָר ערד און זון זיך שפּרייט...

— — — — — — — — — — — — —

אָט פון וואָס איך שטענדיק טראַכט,
ווען איך ליג אין בעט ביינאַכט...

אָבער איצט בין איך נאָך קליין,
מוז דערווייל אין שול נאָך גיין, —
איז ביז וואַנען כ׳קום דערצו,
דערצייל מיר, פייגעלע, כאָטש דו...

די זון

הויבן זיך פון בוים די צווייגן —
צו דער זון! צו דער זון!
רייסט דער וואַלד איבער זיין שווייגן —
פאַר דער זון! פאַר דער זון!

שפּילן קינדער זיך און טאַנצן —
אויף דער זון! אויף דער זון!
לויכטן אייגלעך אויף און גלאַנצן —
אין דער זון! אין דער זון!

זשומען טייכעלעך און קלינגען —
אויף דער זון! אויף דער זון!
שפּרינגען פייגעלעך און זינגען —
צו דער זון! צו דער זון!

זינג איך אויך מיט זיי צוזאַמען —
צו דער זון! צו דער זון!
ווערט פון דעם אַ ליד אין גראַמען —
פון דער זון! פון דער זון!

רעגן, רעגן...

רעגן, רעגן, פאַל אויף מיר,
כ׳שטעל זיך אונטער — אונטער דיר.

נעץ מיין קאָפּ איין, מיינע האָר,
וואַש מיין פּנים — לויטער, קלאָר.

וואַש מיין פּנים, וואַש די פיס,
כ׳זאָל זיך פילן מונטער, פריש.

ס׳זאָגט די מאַמע — און זי ווייס:
ס׳מאַכט דער רעגן וואַקסן גרויס.

וואַקסט דאָס קינד אויס שטאַרק און הויך
און ווערט טאַקע קליגער אויך.

וואַקסט דאָס קינד אויס, ווערט אַ מאַן,
מיט אַ ברייטן, פעסטן שפּאַן.

רעגן, רעגן, פאַל אויף מיר —
כ׳האָב געוואַרט שוין לאַנג אויף דיר...

רעגן, רעגן, רעגנדל...

רעגן, רעגן, רעגנדל,
טריף און פאַל אויף מיר:
כ׳שטעל מיין קאָפּ און פּיסעלעך
אונטער — אונטער דיר.

ס׳איז מיין פּנים פלאַמענדיק,
רויט אַזוי, צעהיצט —
כ׳בין געלאָפן שטיפנדיק,
בין איך איצט פאַרשוויצט.

רעגן, רעגן, רעגנדל,
כ׳שטיי שוין איצטער שטיל —
טריף אויף מיר די טראָפנדלעך,
מיין צעהיצטקייט קיל...

אין געוועט

„ס׳איז מיר אומעטיק אַזוי,
„קיינער נישט געקומען היינט;
„שפּיל זשע דו מיט מיר זיך, זון,
„ווי עס שפּילן זיך צוויי פריינט...

„לאָמיר שפּילן זיך אין פערדלעך:
„איך — דאָס פערדל, דו — דער וואָגן...
„וועל איך לויפן אינעם גאָרטן
„און דו וועסט זיך נאָך מיר יאָגן..."

זאָגט אַזוי דער קליינער דוד
צו דער זון וואָס אויבן שיינט;
ווינקט די זון מיט אירע שטראַלן,
און זיי ווערן ביידע פריינט.

הויבט אָן דוד פריילעך לויפן,
אַלע ווײַלע קוקט אַרויף...
און ער זעט: די זון איז אויבן,
דאָ ניט ווייט איבערן הויף.

האָט ער מורא, ס׳וועט די זון נאָך,
ס׳וועט די זון אים באַלד דעריאָגן...
הויבט ער אָן צו לויפן שנעלער:
ער — דאָס פערדל, זי — דער וואָגן...

לויפט ער אום אַזוי אַ שטונדע
און אין שנעלקייט ברייט פאַרמעסט זיך,
לויפט ער אום אַזוי, ביז וואַנען —
אין דער גאַנצער שפּיל פאַרגעסט זיך...

פאַלט ער אום אין גראָז אַ מידער:
זיך אַזויפיל אָנגעלאָפן!
ווערט ער באַלד פון שווערער מידקייט
אינעם ווייכן גראָז אַנטשלאָפן...

שלאָפט ער אָפּ אין גראָז אַזוי זיך,
שלאָפט געשמאַק אַ לאַנגע צייט:
אויפן פּנים, אויף דער פּלייצע,
דרייט זיך איבער אויף אַ זייט...

שלאָפט ער אָבער מיט אַ מאָס דאָך:
ס׳איז דער זייגער באַלד שוין אַכט...
כאַפּט ער אויף זיך, ווען אין דרויסן
איז שוין קענטיק דער פאַרנאַכט.

כאַפּט ער אויף זיך, קוקט פאַרוואונדערט:
ס׳ליגט דאָס היטל אָן אַ זייט...
ווי קומט ער אַהער גאָר איצטער? —
וואָס האָט ער געטאָן די צייט?...

פּלוצלונג, ווי ער וואָלט דערמאָנט זיך,
פון פאַרשלאָפנקייט באַפרייט,
שפּרינגט ער אויף און קוקט אַרום זיך:
אָ, די זון איז אַזוי ווייט!...

אָבער ווייט, אַזוי אָ ווייט ! —
קענטיק, ער איז גיך געלאָפן . . .
און עס פאַלט אים גאָרניט איין,
אַז ער איז די צייט געשלאָפן . . .

שטייט ער שטיל און קוקט אין ווייטנס,
שטייט אַזוי און קוקט פאַרטראַכט ;
זעט ער : ס'איז די זון פאַרגאַנגען
און עס ווערט שוין נאַכט.

טראַכט ער זיכער און צופרידן :
ער — דאָס פערדל, זי — דער וואָגן . . .
ס'האָט נאָך אים געיאָגט די זון זיך
און דאָך ניט געקענט דעריאָגן . . .

סאָלדאַטן

חנה׳לען איז אומעטיק
זיין אַליין אין הויז,
זעט זי קינדער שפּילן זיך,
גייט זי אויך אַרויס.

זעט זי אינגלעך שפּאַנען אום
האַנט ביי האַנט אין צווייען,
האַלטן ביקסלעך אויף די אַקסלען
און מאַרשירן אום אין רייען.

ווייס זי, אַז דאָס שפּילן זיך
קינדער אין סאָלדאַטן:
האָט אַזויפיל אָנגעהערט זיך
פון איר גוטן טאַטן.

ס׳איז איר טאַטע אין דער היים איצט,
אָבער לאַנג צוריק,
איז ער פּונקט ווי אַלע טאַטעס
אויך געווען אין קריג.

זי געדענקט ניט, ווען איר טאַטע
איז אין קריג אַוועק,
אָבער איצטער נאָך אַפילו
ער דערציילט זיך אָן — אַ שרעק!

ער דערציילט, ווי ר׳האָט געזעגנט
זיך מיט איר און מיט דער מאַמען,
און ווי ער האָט צוגעדריקט זיי
ביידן צו זיין ברוסט צוזאַמען.

ווי עס האָט געוויינט די מאַמע
און אַליין ער — אויך...
און זי, קוקנדיק אויף ביידן,
האָט געכליפּעט הויך...

זי איז דאַן געווען אַ „בעיבי״,
נאָך אַ קינד אַ קליין —
איז געבליבן דאָ די מאַמע
נאָר מיט איר אַליין.

און ס׳דערציילט דער טאַטע איצט,
ווי ער האָט נאָך זיי געבענקט:
סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט
האָט ער אַלץ פון זיי געדענקט...

און ס׳דערציילט דער טאַטע אויך,
וויפל ס׳זיינען דאָרט געבליבן...
ר׳האָט אַליין איינמאָל געזען,
ווי געפאַלן זיינען זיבן...

און ס׳פֿאַרגעסט די מאַמע ניט
איצטער נאָך דעם גליק,
וואָס דער טאַטע איז געקומען
אַ געזונטער אויף צוריק...

— — — — — — — — — — — — —

שטייט אַזוי די קליינע חנה
און דערמאָנט זיך וואָס געהערט —
און עס לאָזט אַראָפּ איר קעפּל
אומעטיק זיך צו דער ערד.

קוקט זי שוין ניט אויף די קינדער
און אויף זייער הייסער שפּיל,
נאָר זי טראַכט אין זיך פֿאַרטרויערט
מיט אַן ערנסטן געפֿיל:

„ווען איך וועל זיין אַמאָל אַ „מאַמע״
„און וועל אויך האָבן אַ „טאַטן״,
„זאָל מען דאַמאָלסט גאָר שוין מער ניט
„דאַרפֿן האָבן קיין סאָלדאַטן״...

אין העלן טאָג

עס זינגט אַ יונגינק פייגעלע
אין פרייען וואַלד אַליין,
עס שפרינגט פון צווייג אויף צווייגעלע
און היפּט פון בוים צו בוים.

עס זעט גאָר ניט דאָס פייגעלע
דעם יעגער, וועלכער לוגט,
וואָס האָט הינטער אַביימעלע
זיך גנב׳יש־שטיל פאַררוקט.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס אייגעלע
און צילט זיך ווי אַ קאַץ:
געפאַלן טויט דאָס פייגעלע
פון פּלוצלומדיקן באַץ...

עס שטייט אַ יונגינק העזעלע
אין גאָרטן אויף אַ בייט,
עס קייט זיך שטיל אַ גרעזעלע
און קלערט גאָר ניט פון טויט.

נאָר זעט דאָרטן דעם גרויסן הונט,
וואָס שטייט אַזוי און קוקט —
דערשמעקט האָט ער דאָס העזעלע
און האָט עס גלייך פאַרצוקט...

אין אָוונט-בלאַס

אין אָוונט

ווען דער לאַנגער טאָג פאַרגייט
און עס פאַלט דער אָוונט צו,
הויבן קינדער אָן צו בענקען
נאָך געלאַסנקייט און רו.

הויבט די גאַס אָן ווערן פוסטער,
יעדע שפּיל ווערט פּלוצלונג אויס —
ס׳וואַרפן צו דער גאַס די קינדער
איר געטומל און גערויש.

קומען קינדער שווערע, מידע,
פון געשפּיל און פון געלאָף,
עסן ווינציק און געלאַסן,
ווייל עס וויגט זיי שוין דער שלאָף.

גייען זיי פון טיש פאַרשלאָפן,
און די אויגן האַלב־פאַרמאַכט,
טוען אויס זיך ווי אין חלום,
זאָגן קוים: „אַ גוטע נאַכט״.

קומט דער שלאָף דער גוטער, זיסער,
וויגט ער שטיל די קינדער איין;
הערן קינדער אויף צו וואַכן
און זיי שלאָפן רואיק איין.

ביינאַכט

סעמעלען האָט היינט די מאַמע
בילדער פיל געבראַכט:
מענטשעלעך און חיה׳לעך
פון קאַרטאָן געמאַכט.

האָט זיך סעמעלע געשפּילט לאַנג,
ביז אין אָוונט שפּעט,
ביז ער איז מיט זיי צוזאַמען
איינגעשלאָפן אין זיין בעט.

שפּעטער נאָר, ווען ס׳האָט די מאַמע
זיך געקליבן שלאָפן גיין,
האָט דערהערט זי פונעם צימער
סעמעלעס געוויין.

לויפט אַריין זי גיך דערשראָקן:
— „וואָס איז, קינד, דער מער?...״
ווינט ער סעמעלע און כליפּעט:
— „מאַמע, ער... דער בער...״

— „וואו, מיין קינד, ניטאָ דאָך קיינער,
ס׳האָט זיך דיר געדוכט...״
הויבט זיך סעמעלע פֿאַרשלאָפֿן,
ווי ער וואָלט געזוכט...

קלעפּט דער שלאָף דאָך זיינע אויגן,
זעט ער גאָרנישט מער...
נאָר עס דאַכט זיך אים נאָך אַלץ אויס,
אַז עס שטייט לעם אים דער בער...

הויבט ער ווידער אָן צו וויינען,
מורמלט עפּעס, רעדט —
ביז עס האָט געמוזט די מאַמע
לייגן זיך לעם אים אין בעט.

האָט ער זי אַרומגענומען
שטייף אַרום דעם האַלדז, —
און געהערט האָט לאַנג די מאַמע,
ווי ער כליפּעט אַלץ...

אַ חלום

בייטאָג האָט לייבעלע געשטיפט פיל
און ביינאַכט געלייגט זיך שפעט,
האָט זיך אים געחלומ׳ט נאָכדעם,
אַז ער פאַלט אַרויס פון בעט...

האָט ער אָנגעהויבן שרייען:
— „מאַמע, גיכער, קום אַהער!...
האַלט מיך צו איך זאָל ניט פאַלן:
כ׳וועל נאָך זיך צעקלאַפּן שווער..."

איז זיין מאַמע באַלד געקומען,
פרעגט דערשראָקן: — „וואָס איז, וואָס?..."
ענטפערט ער: — „דו זעסט ניט, מאַמע,
אַז איך פאַל פון בעט אַרויס..."

לאַכט די מאַמע און זי זעצט זיך,
לייגט די האַנט אויף אים און גלעט:
— „זעסטו דען ניט, קינד מיינס נאַריש,
אַז דו ליגסט דאָך אין דיין בעט..."

האָט ערשט לייבעלע פאַרשטאַנען,
אַז ס׳איז גאָרנישט ניט געשען,
האָט ער איצטער ערשט דערמאָנט זיך:
ס׳איז אַ חלום בלויז געווען...

האָט ער שטאַרק זיך פאַר דער מאַמען
פאַר זיין נאַרישקייט פאַרשעמט,
האָט ער גיך זיין קאָפּ באַהאַלטן
און פאַרדעקט אים מיט די הענט...

ביים פייער

נאָכן לאַנגן טאָג דעם שווערן,
אָפּגעמאַטערט פונעם שפּילן,
הויבן קינדער טיף אין האַרצן
פּלוצלונג אָן אַ בענקשאַפט פילן.

און עס ווילט זיך זיי פאַרבלייבן
ערגעץ־וואו אַליין אָן קיינעם,
וואו נאָר קינדער בלויז מיט קינדער
זאָלן פילן זיך אינייינעם.

זוכן זיי דאָן אויס אַ בערגל —
ערגעץ־וואו אַ פּלאַץ אַ פרייער —
קלייבן אויף זיך דאָרט די קינדער,
לייגן העלצלעך, צינדן פייער.

און ווען ס'פלאַקערן פאַנאַנדער
זיך אין טונקלקייט די פלאַמען,
זעצן אויס זיך אַלע קינדער
אַרום פייער שטיל צוזאַמען.

זעצן אויס זיך אַלע שטילע
קוקן ערנסט אין די פלאַמען,
און עס דאַכט זיך זיי: זיי זעען
רויטע, גליענדיקע ים׳ען...

הערן איין זיך צו דעם פייער,
ווי עס קנאַקן דאָרטן פונקען,
און עס דאַכט זיך זיי: אין פייער
זיינען מעשות פיל פאַרזונקען.

שיילט זיך אויס באַלד פונעם שווייגן
אַ געמורמל, ווי אַ סוד,
און עס פּרעסן זיך די קינדער
ענג צוזאַמען אין אַ ראָד.

ס׳גייט זיי קיינעם גאָרנישט אָן איצט,
נאָר אַליין זיי און דאָס פייער;
פילן אַלע, ווי די ענגשאַפט
מאַכט זיי נאָענטער, געטרייער.

זיצן זיי אַזוי צוזאַמען
אין פאַרטרויטער שושקעריי,
און עס טראָגט זיך פון די פלאַמען
זייער שטיל געשעפטשעריי.

וואָס זיי ריידן און דערציילן —
ווער קען וויסן, ווער קען זאָגן ? —
ווי די גרויסע, אויך די קליינע
זייער אייגן וועלט פאַרמאָגן . . .

— — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי זיך אויף אַ בערגל
קלייבן קינדער זיך צוזאַמען,
און אין טונקלקייט פון אָוונט
גליען אויף דאָרט העלע פלאַמען.

ס׳פלאַקערט לוסטיק זיך דאָס פייער,
ס׳גליען העל די רויטע קוילן,
און עס הערן איין זיך קינדער,
וואָס די אַנדערע דערציילן.

ס׳פרעסן אַלע זיך צוזאַמען
ענגער אַלץ אַרום דער ראָד,
און עס טראָגט זיך אַ געמורמל
ווי אַ טיפער, טיפער סוד — —

אין ווינטער-גרוי

צו די פייגעלעך

זאָגט מיר פייגעלעך, איר ליבע:
וואו זייט איר עס אַצינד? —
אַז פאַריאָגט אייך ווייט פון מיר
האָט קאַלטער, בייזער ווינט.

וואו זיינען זיי, די פריינט מיינע —
טראַכט איך אַלץ און קלער;
זינט אַנטשוויגן אייער ליד איז,
זינג איך אויך ניט מער...

ווי פלעגן מיך די נעסטן ציען! —
די אייעלעך אין זיי...
און איצטער האָט זיי בייז פאַרשאָטן
דער קאַלטער, ווייסער שניי.

טראַכט איך, ווען איך זיץ אין שטוב
ביי אַן אויוון הייס:
וואו זיינען זיי די פריינט מיינע?
צי לעבן כאָטש? — ווער ווייס...

זיי וואָגלען ערגעץ דאָך אַרום,
עלנט, אָן אַ היים,
און אומזיסט זיי זוכן אום
אַ גרינעם צווייג אויף הוילן בוים...

און עסן — ווייכע קערענדלעך —
וואו נעמען זיי אַצינד?
אַז פאַרווייט מיט שניי די ערד
האָט דער בייזער ווינט...

גייט מיר ניט מיין היים מער איין,
מיין אייגן וואַרעם גליק;
טראַכט איך אַלץ, צי וועל איך אייך
נאָך זען אַמאָל צוריק...

אין אַ ווינטער־נאַכט

בילט אַ הונט אין מיטן נאַכט,
האַווקעט לאַנג גאַר אָן פאַרוואָס;
ס׳נאָגט אַ ווייטאָג טיף זיין האַרץ
און עס דריקט אַ שווער פאַרדראָס.

אַלץ און אַלעס שלאָפט שוין לאַנג,
נאָר ער איינער בלויז נאָך וואַכט:
קיינמאָל האָט ער ניט קיין רו —
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

יעדער איינער רוט שוין לאַנג
און עס שלאָפט די גאַנצע וועלט,
נאָר ער איינער שפּאַנט אַרום
אויפן רעגן, אויף דער קעלט.

זיין געלעגער ווייט פאַררוקט
אויפן הויף דאָרט צווישן שמוץ —
נאָר אויך דעם זיך ניט פאַרגינט:
ער מוז היטן פרעמדע גוטס.

אָט אַזוי סיי טאָג, סיי נאַכט,
שפּאַנט ער אום און קיינמאָל רוט —
איז זיין פעל פון בלעך געמאַכט?
איז זיין הינטיש בלוט קיין בלוט? — —

בילט אַ הונט אין מיטן נאַכט,
האַווקעט לאַנג גאַר אָן פאַרוואָס:
ס׳נאָגט אַ ווייטאָג טיף זיין האַרץ
און עס דריקט שווער אַ פאַרדראָס...

ווינטן

בלאָזן, בלאָזן ווינטן שטאַרק,
העפטיקע און נאַסע,
פּאַטשן איבער בעקלעך זיי
פון קינדערלעך פון בלאַסע.

קענטיק, אַז זיי קענען ניט
קיין קינדער־פרייד פאַרטראָגן:
ווילן זיי די קינדער נאָר
אין הויז אַריין פאַריאָגן...

ווילן אָבער קינדער ניט
פאַרשפּאַרט אין הויז פאַרבלייבן;
טראַכטן קליינע קעפּעלעך:
ווי קאָן מען ווינט פאַרטרייבן!...

טראַכטן קינדער, טראַכטן לאַנג,
און קאָנען נישט דערטראַכטן —
מוזן זיי אין ווינטער־טעג
אין צימער נעבעך שמאַכטן...

זיצן קינדער אומעטיק,
זיצן זיי פֿאַרטרויערט —
אָבער לאַנג די קינדער־זאָרג,
לאַנג דאָך ניט געדויערט.

ווערן קינדער פֿריילעך באַלד,
כאַפּן ביכלעך קליינע,
זוכן אויס דאָרט מעשה׳לעך
וואונדערלעכע, שיינע.

לעזן זיי די מעשה׳לעך,
מישן זייט נאָך זייט —
פֿילן זיי ניט מער שוין גאָר,
ווי ס׳גייט דורך די צייט.

לעזן זיי די מעשה׳לעך,
שלינגען יעדעס וואָרט —
ס׳האָבן זיי די מעשה׳לעך
שפּילן גאָר פֿאַרשפּאָרט.

אַרט זיי שוין דער ווינט ניט מער,
אַרט ניט וואָס ער בלאָזט —
אַז יעדער ווינט אַ מעשה׳לע
צעטראָגן ברענגט און לאָזט.

זעען שוין די קינדער איין,
פֿאַרשטייען עס אַצינד,
אַז עס איז קיין שונא זיי,
קיין שונא ניט דער ווינט.

ס׳האָט דער ווינט געבראַכט דאָך זיי
מעשה׳לעך גאָר שיינע,
וואו אַזויפיל פרייד פֿאַרשאַפט
האָט זיי יעדע איינע.

טראַכטן אַלע קינדער שוין:
עס מעג דער ווינט פֿאַרבלייבן...
זיי זוכן שוין קיין מיטלען מער,
ווי אים צו פֿאַרטרייבן...

אויפן שניי

— „קינדער, לאָמיר גאָר אַ יום־טוב מאַכן:
„היינט אין שול ניט גיין —
„ס׳וועט דער לערער גאָרנישט טאָן אונדז
„און די מאַמע וועט פאַרשטיין...

„היינט ביינאַכט אַרויסגעפאַלן
„איז דער ערשטער שניי —
„ווי זשע קאָן מען איינזיצן דאָס
„שטיל אין קלאַס אַזוי?...

„לאָמיר בעסער היינט זיך שפּילן
„אויף דער ווייסער גאַס:
„סאיז דער שניי היינט אַזאַ גוטער —
„אַזויווייך און נאַס...״

חברה דאַרף מען לאַנג ניט בעטן,
זיי פאַרשטייען: ס׳איז אַזוי...
און עס לאָזט זיך חברה פריילעך
אויף דער גאַס און צו דעם שניי.

נעמט זיך חברה צו דער אַרבעט
מיט אַ טומל און אַ ליאַרעם:
וואָס מיר קעלט און וואָס מיר ווינטער —
חברה איז צערויטלט, וואַרעם...

ווערט עס פריילעך באַלד אין דרויסן,
קלינגען שטימען הילכיק, הויך;
ווערט די לופט מיט שניי פאַרטרונקען,
אַזש עס גייט פון איר אַ רויך...

פליען באַלד פון אַלע זייטן
גרויסע, האַרטע קוילן שניי:
עפּעס שרייען דאָרט די גרויסע —
ווער וויל אָבער הערן זיי...

קענען מענטשן באַלד ניט דורכגיין
רוקן אין אַ זייט זיך אָפּ —
העלפט עס אָבער דאָ אויך קיינעם:
ס'טרעפט דאָך פאָרט אַ קויל אין קאָפּ...

חברה איז פאַרטראָגן היציק
אין דער ערשטערווינטער־שפּיל:
ווער מיר עסן! וואָס מיר עסן!
וועלכעס קינד גאָר טראַכטן וויל...

שפּילן קינדער ביז פאַרנאַכט שפּעט,
ווילן שפּילן אָן אַ סוף...
וואָס מיר שול! און וואָס מיר לערער! —
און אַפילו טאַטנס שטראָף...

דער פראָסט

ווען עס ווערט אין דרויסן ווינטער
און אַ קאַלטער ווינט שטאַרק בלאָזט,
ווייסן קינדער, אַז עס קומט שוין
זייער אַלטער פריינט, דער פראָסט.

ס׳קענען קינדער אים פון לאַנג שוין —
ניט איין מאָל שוין אים געזען —
און ניט איינמאָל איז ביי זיי שוין
ער אַ גוטער גאַסט געווען.

ער זעט אויס פונקט ווי אַ זיידע,
מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד ;
און דער פּנים אַזאַ גוטער,
מיט צוויי מילדע אויגן דאָרט.

אויפן קאָפּ אַ ווייסע מיצל,
אין אַ לאַנגגן רויטן ראָק,
און אַרום אַ בלויער גאַרטל,
און אין האַנט אַ גרויסער שטאָק.

קומט ער פריילעך צו צו קינדער,
וועלכע שפילן זיך אין שניי,
גיט ער מיט זיין באָרד אַ טרייסל
און ער זעצט זיך צו צו זיי.

איז דער זיידע דאָך אַ גוטער,
פּונקט ווי קינדער ליבט די גאַס,
און האָט ליב אויך אויף קאַטאָוועס
מיט די קינדער טרייבן שפּאַס.

גיט ער איינס אַ קניפּ אין בעקל,
ווערט דאָס בעקל ראָזיק־רויט;
גיט ער באַלד אַ שנעל אין אויער
שוין אַ צווייטן שטילערהייט...

דעם אַ קניפּ און דעם אַ שנעל גיך —
אי געזען, אי שטילערהייט —
ווערן באַלד די הענט און נעזלעך,
אויערן און בעקלעך — רויט.

זיצן קינדער מיט דעם „זיידן"
און זיי שפּילן זיך צוזאַמען,
און פאַרגעסן זיך אָן עסן
און אַפילו אָן דער מאַמען...

זיצט אָבער דער „זיידע" לאַנג ניט,
גיט זיין ווייסע האַנט אַ שטרעק:
זעגנט ליב זיך מיט די קינדער
און ער גייט אויף גיך אַוועק...

אויף שליטלעך

— קינדער, וואָס עפּעס אין שטוב היינט זיצן,
אינעם צימער איינגעשפּאַרט ! —
ס׳איז אין דרויסן אַזוי פריילעך,
און דער שניי איז אַזוי האַרט !

נעמט אַרויס די שליטלעך, קינדער —
פאַרן זומער וואו פאַרשטעלט —
זאָל נאָר קיינער זיך ניט שרעקן
פאַר דעם פראָסט און פאַר דער קעלט.

נעמט אַרויס אין גאַס די שליטלעך,
וועט דאָס זיין אַ הייסער גליטש !
ס׳וועט דער פראָסט זיך אַזש דערשרעקן
און צוגיין פון גרויסער היץ...

דאָ ניט ווייט — דאָס הויכע בערגל,
און פון אים אַ באַרג־אַראָפּ —
וועלן מיר עס זיך צעלאָזן,
אַזש פאַרשווינדלען וועט דער קאָפּ...

זאָל עס זיין אַ הייסער פּאָרן,
גאָר אָן פערדלעך אַ גאַלאָפּ...
אויף די שליטלעך פונעם בערגל —
באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַראָפּ...

און אַז שפּעטער וועלן קומען
מיר אַהיים צוריק פון גליטש,
זאָלן פלאַמען אונדז די בעקלעך
ווי פון תמוז'דיקער היץ...

— — — — — — — — — — —

— קינדער, צו די שליטלעך נעמט זיך,
ניט אין שטוב צו זיין פאַרשפּאַרט:
ס'איז אין דרויסן אַזוי פריילעך
און דער שניי איז אַזוי האַרט...

בערעלעס גליטשערס

בערעלע ז׳אַ קינד אַ יתום:
ס׳איז זיין פאָטער לאַנג שוין טויט,
און זיין מוטער די אַלמנה
קוים וואָס זי פאַרדינט אויף ברויט.

ווייס ניט בערעלע קיין חילוק,
ווייס ניט, וואָס הייסט אָרעם, רייך...
וויל ער ווינטער גליטשערס האָבן —
גליטשן זיך מיט אַלע קינדער גלייך.

שטייט ער ביי דער מאַמעס פאַרטעך,
לאָזט אין ערגעץ זיך ניט קערן,
און ער רייסט זי און ער צופּט זי,
רופט צוהילף אויך הייסע טרערן.

שטויסט אַוועק אים בייז די מאַמע,
לייגט קיין אַכט אויף זיינע טרערן,
נאָר זי שילט זיך און איר לעבן
און דעם מזל אירן שווערן.

זעט ער איין, אַז ס׳וועט ניט העלפן:
ר׳וועט קיין גליטשערס דאָך ניט קריגן,
גייט ער שטיל אַרויס אין דרויסן,
זעצט אַוועק זיך אויף די שטיגן.

זיצט ער אומעטיק, פאַרטרויערט,
טראַכט ער בייז און מיט פאַרדראָס:
אַלע קינדער האָבן גליטשערס,
נאָר ער איינער ניט — פאַרוואָס?...

זיצט ער לאַנג אַזוי פאַרטרויערט,
אומעטיק, אַזויווי קראַנק...
פלוצלונג שײַנט זיין פּנים העל אויף
פון אַ פריילעכן געדאַנק:

ער וועט האָבן גליטשערס נייע,
און ניט איינע — טאַקע צוויי...
ווײַל די מאַמע אים ניט קויפן —
וועט אַליין ער מאַכן זיי...

ער וועט נעמען ברעטלעך ברייטע
און צוויי שטיקלעך דיקן דראָט,
זעצט אַריין דעם דראָט אין ברעטל
און אַ גליטשער פאַרטיק האָט...

לויפט ער באַלד אַוועק אין ערגעץ,
שפּעטער קומט מיט „גליטשערס" צוויי, —
גליטשט ער זיך מיט אַלע קינדער
און איז גליקלעך פונקט ווי זיי...

אויפן פראָסט

ס׳ברענט און קנאַקט דער פראָסט אין דרויסן,
הויכט מיט גליענדיקער קעלט;
איינגעשטשימעט, איינגעקאָרטשעט
טרייסלט זיך די גרויע וועלט.

יעדער איינער איילט זיך גיכער
אינעם מאַנטל איינגעטוליעט:
ס׳האָט דער פראָסט מיט ברען און פלאַקער
אַזוי וואוטיק זיך צעהוליעט.

קוקט ניט קיינער אויפן צווייטן,
יעדער טראַכט פון זיך נאָר בלויז —
יעדער איינער איילט וואָס גיכער
אין אַ וואַרעם, ליכטיק הויז.

איילט זיך יעדער ווי געשמיסן,
איילט אַהיים זיך וואָס געשווינטער —
נאָר וואָס איז דאָס? אויף אַ בערגל
שפּילן דאָרטן, דאַכט זיך, קינדער...

אַזוי שפּעט און קריכן אומ׳עט —
גאָר קיין מורא פאַר דער קעלט !...
נאָר ווער קען פאַרשטיין אַזעלכע —
אָט די קליינע זשוואַווע וועלט...

אָט האָט איינער אויפן שניי זיך
פלינק און לייכט איבערגעקוליעט,
און אַ צווייטער מיט אַ שליטל
האָט צעיאָגט זיך און צעהוליעט...

ווי מחבלים קריכן אום זיי
אויפן פראָסט און אין דער קעלט —
נאָר ווער קאָן פאַרשטיין אַזעלכע,
אָט די מאָדנע קליינע וועלט...

בייזער ווינט

יאָגט דער ווינט זיך שטעכיק,
מיט צאָרן און געהייל:
יעדער שפּרייז — אַ שטרעקע,
יעדער בלאָז — אַ מייל.

יאָגט ער איבער וועגן
מיט בייסנדיקער קעלט,
בלאָזט ער אויס זיין צאָרן
אַוואו נאָר אים געפעלט.

טראָגט ער זיך מיט אימפּעט,
קלייבט ניט אויס קיין ציל,
לאָזט ער אויס זיין כעס
אויף וועמען נאָר ער וויל.

פאַרקלייבט זיך אין אַ שטעטל,
מאַכט ער באַלד עס פלאַך —
קיין איינציק הויז לאָזט איבער
מיט אַ גאַנצן דאַך.

וואָיעט ער אין קוימענס,
הודזשעט מיט געוויין:
וואָס ער מיינט צו זאָגן,
ווייס נאָר ער אַליין.

פאַטשט ער אין די שויבן
האָגלדיק מיט שרויט,
קרעכצט אונטער זיין כוח
דער טויער מיטן פלויט.

לאָזט ער איבער חורבן
און אַ וויסטן שטרייף,
טראָגט ער זיך שוין ווייטער
מיט צאָרן און געפייף.

יאָגט זיך מיט אַ בייזער
גלייך פון שטאָט אין פעלד —
פריי פאַר אים די וועגן,
קיין זאַך ניט פאַרשטעלט.

זעצט ער פאָר דעם חורבן,
די צעברענטע שפיל,
ברעכט מיט ווילדן אימפעט,
טרעט אויף וואָס ער וויל.

רייסט ער אויס דאָרטביימער,
צעאַקערט ער די ערד,
פאַרווישט ער אַלע צייכנס,
קוים וואָס מען דערקענט.

פילט ער זיך געזעטיקט
נאָך דער ווילדער שפיל,
פאַלט ער אום אַ מידער —
און ביסלעכווייז ווערט שטיל.

אַ משפּט מיטן פראָסט

באַלאַדע

אַ משפט מיטן פראָסט

הערט זשע, קינדער, כ׳וועל דערציילן
אייך אַזאַ מין מעשה.

איינמאָל האָט דער פראָסט דער גרויער,
מיט זיין באָרד דער ווייסער,
שטאַרק צעקריגט זיך מיט די מענטשן.
מיט די מענטשן, ניט מיט אַלע:
מיט די שרייענדיקע, בייזע —
מיט די מענטשן נאָר די גרויסע.

האָט צעקריגט זיך און באַשלאָסן,
אין זיין פּאַלאַץ זיך פאַרשלאָסן,
און געוואָלט ניט מער שוין זען זיי
און צו זיי אויף ווינטער קומען.

האָט ער זיך אַזוי פאַרנומען,
איינגעטראַכט זיך און באַשלאָסן,
און אין פּאַלאַץ זיך פאַרשלאָסן.

און אַז שפּעטער איז געקומען
ווינטער אויף דער ערד,
איז געווען טאַקע ווינטער:
שניי און רעגן, קאַלטע ווינטן,
זאַווערוכעס, שטורעמווינטן,
אָבער פאָרט קיין ווינטער פעסט,
ווייל אָן שטאַרקע, בייזע פרעסט.

ס׳איז געווען טאַקע ווינטער,
אָבער פאָרט ניט ווי ס׳איז שטענדיק:
ס׳איז דער אמת׳דיקער קענטיק
גאָר געבליבן דאָרט אַהינטער...

הערט אַ מעשה! אַזאַ ווינטער
נישט געזען זינט וועלט איז וועלט!
ס׳איז דאָס וואַסער אין די ברינעמס,
אָן די פרעסט און אָן די קעלט,
גאָר קיין איינמאָל ניט פאַרפראָרן —
שייך זאָגן: פראָסט אין צאָרן...

האָט דער ווינטער, יענער ווינטער,
אויסגעזען אַזוי:
טאָג ווי נאַכט און נאַכט ווי טאָג,
נאָר עס פליוכעט און עס גיסט,
גיסט — און ווערט נישט מיד דער רעגן.

גיסט און גיסט, ביז ער פאַרגיסט
אַלע פעלדער, אַלע וועגן,
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע,
אַ פאַרפלייצונג, אַ שליכאָטע —
כאָטש דערטרונקען ווערן.

ליגט דער טייך מיט וואַסער הויך
מיט אַן אָנגעפּילטן בויך,
ליגט פאַרשעמט און ליגט פאַרלאָרן:
ר׳איז דעם ווינטער נישט פאַרפראָרן...

ציט אַוועק דער וועג אין וואַלד זיך
ווייך און בלאָטיק און פאַרטרונקען;
קענט איר זען: אין זומפּ באַהאַלט זיך
פערד און וואָגן טיף פאַרזונקען.

אַז דער וועג איז ניט פאַרפראָרן,
וויל דאָך קיינער שוין נישט פאָרן;
זיצט שוין יעדערער אין הויז,
ווי אין נאָרע דאָרט די מויז...

און ווען ס׳טרעפט אַמאָל באַגינען:
ס׳פאַלט אַרויס אַ נאַסער שניי —
ליגט ער בלויז אַ שטונדע, צוויי,
און אין נאַסקייט ווערט צערונען.

אויף די גאַסן בלאָזן ווינטן,
דאָ פון פאָרנט, דאָ פון הינטן,
איילט שוין יעדערער אין הויז,
ווער ס׳איז נאָר אין גאַס אַרויס.

היינט פאַרשטייט איר שוין, ווי ס׳האָבן
זיך די קינדער דאַן געפילט:
נישט געווען קיין איינס אַפילו,
וואָס אין גאַס האָט זיך געשפּילט.

וואָס מיר דרויסן! וואָס מיר שניי!
וואו מיר קוילן! וואו מיר גליטש! —
ס׳טראַכט גאָר קיינער ניט פון זיי,
ווי אין תמוז׳דיקער היץ...

ס׳רייצט דער טאַטע נאָך זיך אונטער:
„וואָלסט אפשר אַרויס אין גאַס?..״
לאָזט דאָס קינד אַראָפּ דאָס קעפּל
אי פאַרשעמט און אי אין כעס...

קענען קינדער שוין ניט לויפן
איבער גאַסן, איבער הויפן,
ליגט זיך יעדערער אין הויז,
ווי אין לאָך ביי זיך די מויז...

זיצן קינדער ווי פאַרשעמטע,
זיצן שטיל און בייז־פאַרקלעמטע,
זיצן לאַנג, געדולדיק וואַרטן
אויף דעם פראָסט דעם לאַנג־געגאַרטן.

און אַזוי גייט דורך די צייט
און מען וואַרט און האָפט און וואַרט,
אָבער, קענטיק, ס׳איז אומזיסט :
מער געוואַרט, אַלץ מער גענאַרט...

ס׳גייט אַזוי זיך דורך די צייט,
גייט אַדורך אַ חודש, צוויי :
ס׳קענען גרויסע גאַרנישט אויפטאָן,
כאָטש עס ליידן אויכ׳עט זיי.

גייען אום אַזוי פאַרזאָרגטע,
מיט אַ בליק אַ טיף־פאַרטראַכטן, —
און די קינדער מוזן נעבעך
אינעם הויז דערוויילע שמאַכטן.

ציט אַזוי זיך לאַנג די צייט זיי,
ווי אַ בייזע שווערע שטראָף,
און עס ווייזט זיך ניט קיין ענדע,
און עס זעט זיך ניט קיין סוף.

הויבן קינדער אָן שוין ווערן
אומגעדולדיק און אין כעס :
ס׳ציט אַזוי צו זיך דער דרויסן !
ס׳בענקט אַזוי זיך נאָך דער גאַס !

און עס הויבן אָן שוין קינדער
זוכן און אַליין צו טראַכטן,
ווי פון אומעט זיך באַפרייען
אינעם צימער דעם פאַרמאַכטן.

ווי דעם פראָסט דאָך ענדלעך ברענגען
צו די מענטשן אויף צוריק,
ר'זאָל די קינדער ווידער געבן
זייער אַלטן ווינטער־גליק.

לאַנג געטראַכט און לאַנג געזוכט,
כ'ווייס ניט, ווי אַזוי, פון וואַנען:
צי געהערט האָבן פון וועמען,
צי אַליין האָבן פאַרשטאַנען.

קינדער זיינען ווי די מייזלעך:
ליגן ערגעץ וואו פאַרשטעקט,
נאָר איז עפּעס וואָס זיי נוצלעך,
איז אַזוי דאָס גלייך דערשמעקט...

ווי די מעשה זאָל ניט זיין דאָרט,
ס'האָט געוואוסט שוין יעדעס קינד,
אַז דער פראָסט האָט זיך צעבייזערט
ניט פאַר זייער שולד און זינד.

שולדיק זײנען גאָר אָט יענע
שרײַענדיקע, שלאָגנדיקע, בײזע —
אַז דער פּראָסט האָט זיך צע׳כעס׳ט
אויף די מענטשן נאָר די גרויסע . . .

אויב אַזוי, צו וואָס דאָס וואַרטן ? —
זאָל מען עפּעס וואָס דאָך מאַכן :
חברה קלײנוואַרג זאָל דערווײַזן,
עס קען אויפטאָן גרויסע זאַכן . . .

חברה האָט אַמאָל געזעען
גרויסע אַ פאַרזאַמלונג רופן,
האָבן יונגוואַרג איצט באַשלאָסן
אויך דעמזעלבן מיטל פּרוּוון.

און באַשלאָסן און געטאָן גלײַך,
צו דער זאַך זיך גלײַך גענומען :
אויפגערופן אַלע קינדער,
יעדערער אין צײַט זאָל קומען.

און אַזוי איז עס געוועזן :
נישט געדונגען זיך, געשטאַמלט,
האָבן חברה יונגוואַרג אַלע
זיך אין רעכטער צײַט פאַרזאַמלט.

זיך פֿאַרזאַמלט און ווי גרויסע
עלטסטע אויסגעקליבן:
אַ פֿאָרזיצער, אַ סעקרעטאַר —
ריכטיק, ווי עס איז פֿאַרשריבן.

און אָן דינגעניש און שפּאַרעניש
צו דער אַרבעט זיך גענומען:
טראַכטן און דערטראַכטן זיך,
ווי אַזוי דער פֿראָסט זאָל קומען.

ס'זיינען קינדער, ווי די גרויסע,
דאָ פֿאַראַן פֿאַרשיידן:
סיי אין יאָרן, סיי אין שכל,
סיי אין האַנדלונג און אין ריידן.

ריידן אַלע וועגן פֿראָסט,
ברעכן זיך דעם מוח:
איינער זאָגט מיט גוטן בלויז,
אַ צווייטער גאָר — מיט כּוח...

רופֿט זיך אָפּ אַ מיידעלע:
„אפשר דאָס גאָר פּרוּוון? —
„ס'זאָלן אַלע גיין אין פֿעלד
„און צוזאַמען רופֿן...

„ס'איז דער פראָסט דאָך ניט קיין שלעכטער:
„האָט אַזוי אונדז ליב צו גלעטן! —
„וועלן אַלע קינדער אים
„אָנהויבן צו בעטן..."

שפּרינגט אַרויס אַ יונג אַ כוואַט,
טרייסלט מיטן היטל:
„שטילער קינדער, שטילער, שאַט —
„כ'האָב אַ גוטן מיטל...

„איר וועט זען, כ'וועל עפּעס מאַכן:
„איר זאָלט נאָר מיך אַלע הערן!
„און אויב קיינער וועט ניט לאַכן,
„וועט איר זען — אַ פראָסט וועט ווערן.

„איר ווייסט געוויס, ווי קאַלט עס ווערט
„הייסע טיי, ווען איינער בלאָזט...
„היינט, ווען ס'וועלן בלאָזן אַלע —
„וועט דאָך ווערן אַזש אַ פראָסט..."

און אַ קליינטשיק אינגעלע,
וועלכער ווייס ניט, וואָס מען וויל,
און ער מיינט, אַז ס'איז די מעשה
נאָר אַ קינדערישע שפּיל, —

רופט זיך אָט דער קליינטשיק אָן:
„ווייסט איר גאָר וואָס מען זאָל טאָן?
„לאָמיר אויסטאָן גאָר די שיך,
„וועט עס ווערן קאַלט אונדז גיך..."

לאַכן אַלע קינדער שטאַרק,
הערן אויס און לאַכן;
וואָס העלפט אָבער לאַכן דאָ,
אַז מען מוז דאָך עפּעס מאַכן.

און עס רופט זיך אָפּ שוין איצטער
איינער פון די גרעסערע:
„כ'האָב פאַר אייך אַן עצה, קינדער,
„און, מיר דאַכט, אַ בעסערע.

„ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן?
„זאָל מען דעם־אָ מיטל פּרואוון:
„זאָל מען גאָר דעם פראָסט, וואָס כעס'ט זיך,
„אויף אַ משפּט מיט אונדז רופן...

„זאָל ער קומען דאָ אַהערצו,
„זאָל ער אונדז דערקלערן:
„אַלע זיינע טענות־מענות
„וועלן מיר אויסהערן.

„און מיר אויך דאָסזעלבע ווען
„אונדזער אומשולד אים דערקלערן:
„אפשר וועט מיט אונדז ער נאָכדעם
„ווידער גוטפריינט ווערן.

„אַדרבא, זאָלן ריכטער
„זען דעם אמת אויסגעפינען:
„איך בין זיכער, קינדער,
„אַז מיר וועלן דאָך געווינען...״

ס׳הערן קינדער איין פאַרטראַכט זיך:
ס׳איז זיין מיינונג גאָרניט שלעכט...
און זיי פּאַטשן מיט די הענטלעך:
„טאַקע, יאָ, ער איז גערעכט...״

און אַזוי ווערט עס באַשלאָסן,
אָט דעם מיטל פּרוּאוון:
מ׳זאָל דעם פראָסט, וואָס כעס׳ט זיך,
צו אַ משפּט רופן.

און באַשלאָסן און געוואָרן:
צו דער זאַך זיך באַלד גענומען —
מיט אַ פרייד און מיט דעם גלויבן,
אַז דער פראָסט וועט ענדלעך קומען.

האָט מען לאַנג געזוכט, גערעכנט,
ביז עס איז אַזוי געבליבן:
בערטשיק שייע-לייב דעם סטאָליער׳ס
פאַר אַ ריכטער אויסגעקליבן.

בערטשיק איז אַ שטאַרקער אינגל,
מיט אַ פּנים מיט אַ גלאַטן,
און די הענט אַזעלכע שווערע,
ווי ביים סטאָליער, ביי זיין טאַטן.

ס׳האָבן אַלע פאַר אים אָפּשיי,
פאַר זיין פלינקייט און זיין כּוח,
און וואו אויך מען דאַרף נאָר שׂכל,
אַרבעט גלייך ביי אים דער מוח.

טרעפט זיך ווען אַמאָל אַ קריג
צווישן קינדער אויף דער גאַס,
רופט מען בערטשיקן אַהער,
און עס גייט באַלד אָפּ דער כּעס.

ס׳קלייבט זיך בערטשיק גיך פאַנאַנדער,
און דעם סכסוך ערלעך שליכט ער,
און עס ווייסן אַלע קינדער:
בערטשיק איז דער בעסטער ריכטער.

האָט מען לאַנג אַזוי גערעכנט,
ביז עס איז אַזוי געבליבן:
בערטשיק שייע־לייב דעם סטאָליערס
פאַר אַ ריכטער אויסגעקליבן.

האָט מען שוין דעם ריכטער דאָ,
און דער „פראָסט" וועט אויך ניט פעלן:
קלייבט מען אויס באַלד פאַר דעם „פראָסט"
יאָסעלע דעם געלן...

יאָסל איז אַ יונג מיט ביינער,
האָט מער נישט ווי נאָר דעם פעלער,
וואָס ער האָט צו־רויטע האָר —
רופט מען אים דערפאַר: „דער געלער"...

אַ געזונטער יונג — אַ כוואַט,
ווי אַן אמת'דיקער העלד,
קנאַקט עס, ווען ער גייט נאָר דורך —
ווי דער פראָסט אין פרייען פעלד.

און באַווייזט נאָר יאָסל ווען
זיינען כוחות פאַר דער וועלט,
הויבן אַלע אָן צו שפירן
נאָך אין תמוז שוין די קעלט...

נו, איז פֿאַרטיק דאָס געריכט שוין
צו דעם משפט צו דעם שווערן,
און עס זעצן זיך מיט נייגיר
אויס די קינדער גרייט צו הערן.

ס׳קוקט פון יעדנס בליק אַרויס
שטילע שרעק געמישט מיט פרייד,
און עס הויבן אָן די דרייסטע
זיך אַרויסווייזן מיט רייד.

זאָגט דער ערשטער: „ליבער פראָסט,
„ביסט געווען דאָך אונדזער פריינט —
„וואָס זשע איז געשען אַזוינס,
„וואָס דו כעס׳ט זיך גאָר היינט?

„ביסט דאָך שטענדיק אונדז געווען
„אַזאַ ליבער פעטער,
„וועלכער צערטלט יעדעס קינד,
„יעדן איינעם גלעט ער.

„ס׳איז געווען ביי אונדז אַ שמחה
„יעדעס מאָל דיין קומען,
„און מיט טאַנצן און מיט שפרינגען
„האָט דיך יעדער אויפגענומען.

„וואָס זשע ביסטו עס געוואָרן
„מיט אַמאָל אויף אונדז אין כעס,
„און פאַרשפאַרט פאַר אונדז דעם דרויסן,
„און פאַרשלאָסן אונדז די גאַס ?...״

און אַ צווייטער רעדט שוין דרייסטער :
„זאָג, וואָס זיינען מיר דען שולדיק ?
„שטייען מיר אַליין ניט אויס זיך
„פון די גרויסע אַלץ געדולדיק ?

„ליידן מיר דען ווינציק אויס זיך
„פון די גרויסע, ווען זיי כעס׳ן ? —
„הייסן אויפן באַנק זיך לייגן
„און ניט זשאַלעוועדיק שמייסן ?...״

און אַ דריטער רעדט שוין שטאַרקער :
„וואָס געהערט מיט אונדז דאָס אָן ?
„אויב די גרויסע זיינען שולדיק,
„דאַרפסטו עפּעס זיי וואָס טאָן...

„הערסט אַ מעשה ! ס׳איז דער ווינטער
„באַלד אַדורך, און כ׳האָב קיין איין מאָל
„אויפן שליטל ניט געגליטשט זיך :
„ס׳האָט געטראָפן דאָס נאָך קיינמאָל...

„שוין אַריבער באַלד דער ווינטער,
„אַזוי אומעטיק פאַרלאָפן,
„און איך האָב קיין איין מאָל קיינעם
„מיט קיין שניי־קויל ניט געטראָפן..."

און אַ פערטער רעדט שוין גאָר שטאַרק:
„אויב די שולד איז פון די גרויסע,
„זאָל מען זיי טאָן וואָס זיי אונדז —
„אויך מכבד זיין מיט הייסע..."

אָט אַזוי געזאָגט האָט זיינס
יעדער איינער — גוט, צי שלעכט —
און געזען דערווייזן אַלץ,
אַז דער פראָסט איז ניט גערעכט.

אָבער ס'קען דער „פראָסט" אויך ריידן:
יאָסל איז אַ יונג אַ כוואַט!
און עס קנאַקט געשלייפט זיין צינגל,
ווי דער פראָסט אין מיטן שבט.

ס'גייט אַרויס אַיעדעס וואָרט זיינס
פון זיין מויל מיט פלאַם און היץ,
שניידט אַדורך זיך אין דער לופטן,
ווי אַ ליזשבע אויפן גליטש...

און ער טראָגט זיך מיט די ווערטער
לייכט און גלייך, און אין אַ קרייז,
ווי עס מאַכט אַ אינגל קונצן
אויפן גלאַטן שאַרפן אייז.

און ער ענדיקט הייס צו ריידן,
צו די קינדער זיך געווענדט,
און ער וואַרפט זיך מיטן קערפּער
און מיטביידע שטאַרקע הענט:

„יאָ, איך ווייס, איר זייט ניט שולדיק,
„איר זייט ריין פון יעדער זינד:
„ס'איז אַ־יעדערער פון אייך נאָר
„בלויז אַ שטיפערישעס קינד . . .

„אָבער איך מוז ווייטער האַנדלען
„ווי אַזוי כ'האָב זיך פאַרנומען:
„יעדער איינער פון די גרויסע
„מוז זיין פולע שטראָף באַקומען . . .״

ס'הערשט אַ שטילקייט ביי די קינדער,
אַלע אויגן אָנגעשטרענגט
אויפן ריכטער, וועלכער זיצט דאָרט
ערנסט־שווייגנדיק און דענקט.

יעדנס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, העכער,
ווי עס וואָלט דאָרט וואָס געשלאָגן:
וואָס וועט איצט דער ריכטער טאָן דאָ?
וואָס וועט ער איצט זאָגן?

און דער ריכטער טראַכט אַ ווײַלע,
שטעלט זיך ערנסט אויף און זאָגט:
„ס'האָט דער פּראָסט זיך היינט פאַר אונדז דאָ
„אויף די מענטשן שטאַרק באַקלאָגט.

„ער האָט אויסגעלייגט די טענות,
„אַלע אזוי שווער און עכט:
„ווער קען קומען עס און זאָגן,
„אַז ער איז דאָ ניט גערעכט!

„און ווען ס'האַנדלט זיך פון דעם נאַר,
„וואָלט איך אויך געזאָגט אַזוי:
„אויב די שולדיקע פאַרדינען,
„קומט געוויס באַשטראָפן זיי.

„אָבער וואָס האָט עס צו טאָן גאָר
„מיט די אומשולדיקע קינדער? —
„אָן פאַרוואָס און אָן פאַרוועגן גאָר
„זיי פאַרשטערן זייער ווינטער?

„וואו און ווען שטייט עס געשריבן,
„אַז קליינע דאַרפן פאַר די גרויסע ליידן ?
„און די פרוכט פאַרזייט פון טאַטעס,
„דאַרפן נאָכדעם קינדער שניידן ?...

„און דעריבער טראָג אַרויס איך
„אַט אַזאַ מין אורטייל היינט :
„איינער איז דעם צווייטן מוחל
„און מען ווערט צוריק שוין פריינט...

„און אַזוי מוז עס שוין בלייבן,
„אַט אַזוי, ווי איר דאָ הערט :
„ס׳מוז דער פראָסט שוין דאָ פאַרבלייבן,
„מאַכן ווינטער אויף דער ערד..."

— — — — — — — — — — — —

און די מעשה ווערט דערציילט נאָך
ווייטער אַט אַזוי :
ס׳האָט אין יענער נאַכט פאַרוויגט זיך
אַזאַ שטורעם און אַ שניי,

אַז פאַרשאָטן האָט עס וועגן
און פאַרדעקט האָט טיפע גריבער,
און די הורבעס אויף די גאַסן
פאַרשטעלט האָבן די שטיבער.

און אויף מאָרגן אין דער פרי
האָבן דעכער זיך געגלאָזט:
פונעם שניי און פון דער זון —
און פון סמאַליענדיקן פראָסט.

ס׳האָט דער פראָסט אַזוי געפלאַקערט,
אַזוי פינקלענדיק געגלאַנצט,
אַז בריליאַנטן פון דער זון־שיין
האָבן רויט אין שניי געטאַנצט.

און ווען ס׳איז די נאַכט געקומען,
האָט דער פראָסט אַזוי געקנאַקט,
אַז ס׳האָבן שטיינער זיך געשפּאָלטן
און אין ווענט האָבן געהאַקט.

און די ווייבער ביי די ברינען
האָבן לאַנג דאָס נאָך באַטראַכט,
ווי אַזוי די קינדער האָבן
דאָס דעם פראָסט אַראָפּגעבראַכט.

ווי אַזוי געזוכט זיי האָבן
קלוג אַ מיטל און געפונען:
צו אַ משפט פראָסט גערופן,
איינגעשטעלט זיך און געוואונען...

אין יום-טוב טעג

ראש השנה

— מאַמע, זאָג: וואָס איז דער מער
מיט באָבע און מיט זיידע?
אומעטיק אַזוי, פאַרטרויערט שטאַרק,
און פאַרוויינט זיי זיינען ביידע?

— ס׳איז, מיין קינד, אַ יום־טוב הײַנט:
דאָס נייע יאָר קומט אָן!
ווילן ביידע אויסבעטן —
דורך וויינען און דורך תפילה טאָן —
אַז דאָס יאָר וואָס קומט, זאָל זיין
פול מיט פרייד און פול מיט שיין,
אָן מלחמות, אָן שום שרעק —
ניט ווי ס׳יאָר, וואָס איז אַוועק...

— מאַמע, כ׳קען עס ניט פאַרשטיין:
צוליב וואָס איז דאָס געוויין?
אַז עס קומט אַ נייער יאָר,
דאַרף מען דאָך זיין פריילעך גאָר?

— ביסט געדעכט, מיין קינד, כ׳שטים איין:
ניי־יאָר דאַרף מען פריילעך זיין!
נאָר געוועזן אַזוי פון אַלע מאָל:
אידן פלעגן אויף אַ קול
באַגעגענען דאָס נייע יאָר
דורך טרערן און געוויין אַ שפּאָר.
אָט אַזוי פון לאַנגע צייטן —
איז דאָס איצטער שווער צו בייטן...

סוכות

ס׳שטייט דער זיידע קאָפּ פאַרריסן,
אַלע ווײַלע קוקט אַרויף:
עפּעס קלײַבט ער זיך דאָרט בויען
מיטן טאַטן אינעם הויף.

האַלט אין מעסטן, האַלט אין ציילן —
גאָר אַ גאַנצער אַרכיטעקט!
און דער טאַטע העלפט אים אונטער:
האַקט און קלאַפּט, און שלאָגט, און זעגט.

כ׳ווייס: מײַן זיידע איז אַ בעקער,
קען ער באַקן ברויט און „ראָלס״ —
נאָר אַז ער זאָל קענען בויען,
זע איך גאָר צום ערשטן מאָל.

און מײַן טאַטע איז אַ שנײַדער:
נייט ער מאַנטלען, הויזן, רעק —
פּלוצלונג האָט ער שער פאַרביטן
אויף אַ האַמער, אויף אַ זעג.

איז ביי זיי אַרויסגעקומען
טאַקע אַזאַ מאָדנע זאַך:
אַ קליין הײַזעלע פון ברעטער,
נאָר אָן קוימען און אָן דאַך.

און אָנשטאָט אַ ווייסער סטעליע —
גרינע צווייגעלעך פון סכך:
זעט זיך דורך דורך דעם דער הימל,
שיינט אַריין דורך זיי די נאַכט.

— זאָג מיר, מאַמע, וואָס עס מיינט דאָס?
צוליב וואָס מען דאַרף דאָס גאָר?
און פאַרוואָס גאָר איצטער עפּעס —
אָט אין דער אָ צייט פון יאָר?

— ס'איז, מיין קינד, דיין פראַגע וויכטיק,
כ'וועל דיר געבן צו פאַרשטיין:
יעדע זאַך האָט איר באַדייטונג,
יעדער מנהג האָט זיין מיין.

און דאָסביידל, וואָס דו זעסט דאָ,
איז נישט מער — אַ ווידער־קול:
צו געדענקען, ניט פאַרגעסן,
ווי געלעבט האָט מען אַמאָל.

אָט די ביידלעך, אָט די סוכות,
דערמאָנען אונדז אין יענער צייט,
וועלכע איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן —
דורות הונדערטער שוין ווייט.

דעמאָלט האָבן אונדזערע זיידעס
נישט געלעבט, ווי מיר אַצינד:
נישט אין שטעט און נישט אין דערפער,
נאָר אין מדבר, ווי דער ווינט.

און געלעבט אונטערן הימל,
אָן אַ צודעק, אָן אַ דאַך:
שטערן האָבן זיי דעם וועג באַלויכטן,
פונעם רעגן האָט באַשיצט דער סכך.

לייכט איז דאָס איצט צו דערציילן,
שיין צו הערן דאָס, מיין קינד;
אָבער שווער איז אַזאַ לעבן,
שווער גאָר צו פאַרשטיין אַצינד.

איז אין יענער צייט אַ ביידל —
ווי דו זעסט אין הויף דאָ היינט —
געווען דעם מענטשנס גרעסטער אוצר,
געווען דעם מענטשנס בעסטער פריינט.

באַשיצט פון ווינט אים און פון רעגן,
און פון אַלע מדבר־שלעק,
צרות אים אַ סך פאַרמידן
און אַ סך אומזיסטע שרעק.

טייער ז׳אים געווען דאָסביידל,
כאָטש אָן קוימען און אָן דאַך:
ווער האָט דאַן בכלל גע׳חלומ׳ט
פון אַזאַ באַקוועמער זאַך?

און אַפילו דורות שפּעטער —
לאַנג זיך שוין באַזעצט אויף ערד —
האָט דאָס ביידל ניט פאַרלאָרן
זיין באַשיצנדיקע ווערט.

ס׳האָט געטריי געדינט דעם פויער,
ווי אַמאָל אים טריי געשיצט:
אין די נעכט — פון קעלט און חיות,
אין די טעג — פון זון און היץ.

איז אָט, מיין קינד, נישט לאַך אַצינד
פון טאַטן און פון זיידן,
וואָס געוואָרן זיינען פּלוצלונג זיי
אַרכיטעקטן, בויער ביידע.

אויפבויען פאַר דיר זייווילן
אַ בילד פון צייטן — לאַנג געווען,
וואָס ניט אין לעבן, ניט אויף בילדער,
קענסטו עס מער שוין ניט זען.

אויפבויען פאַר דיר זיי ווילן
און כאָטש געבן דיר איין בליק,
ווי געלעבט עס האָבן אידן
מיט יאָרן טויזנטער צוריק.

פון קריג און צער

פון דער אַלטער היים

געקראָגן האָט אַ בריוו די מאַמע
פון איר אַלטער היים,
און האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן
אין אַ שטורמישן געוויין.

— זאָג מיר, מאַמע טייערע,
כ׳בעט דיך, הער אויף וויינען,
אפשר ווערסטו פּרואוון ווייטער,
ווערסטו בעסערס לייענען.

— ניין, מיין קינד, ס׳איז גרויס דער בראָך,
שווער דאָס צו באַשרייבן:
פון אַ גרויס־צעצווייגטן שטאַם
זאָל קיין איינער ניט פאַרבלייבן!

טאַטע־מאַמע דאָרט געהאַט,
ברידער, שוועסטער זיבן —
איז איצט קיינער מער פון זיי
שוין לעבן ניט געבליבן.

און די מאַמע רייסט די האָר,
ברעכט אין אַנגסט די הענט:
אַלע האָט דער שוואַרצער יאָר
היטלער, זיי פאַרברענט!

איך פאַרשטיי: ס׳איז שווער פאַרטראָגן,
זיך באַרואיקן פּרובירן —
אַ משפּחה צו פאַרמאָגן
און מיט איין מאָל זי פאַרלירן.

כ׳קוק אויף מאַמען פול מיט צער
און אַליין איך פיל זיך שולדיק:
אין דער גאַנצער צייט פון קריג
געבעטן זי צו זיין געדולדיק.

ס׳פלעגט די מאַמע זאָרגן זיך:
ניטאָ קיין בריוו פון באָבען.
— מאַמע, זאָרג זיך ניט, ווּעסט זען,
ווּעסט מיט איינמאָל צוויי נאָך האָבן.

ס׳פלעגט די מאַמע דאגה׳ן זיך:
פאַרוואָס זאָל קיינער דאָס ניט שרייבן?
— מאַמע, סט׳זען: אין פּאָסט עס ווּעלן
צען מיט איינמאָל זיך אָנקלייבן.

— ווי קענסטו, מאַמע, בריוו איצט קריגן,
אַז די עראָפּלאַנען דאַרפן
אָנשטאָט בריוו צו קרובים פירן
אויפן שונא באָמבעס וואַרפן?

כ׳קוק אויף מאַמען איצט און קלער זיך:
אַזאַ נאַר בין איך געווען!
כ׳האָב דאָך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען,
וואָס עס איז געשען...

קריגס־וואָגלער

פאָרט אַ שיף אין מיטן ים,
פירט עס ניט קיין רינדער —
פאָרט אַ שיף אין מיטן ים
אָנגעפּאַקט מיט קינדער.

קוקן ניט קיין שאָף און לעמער
דורך די שוואַרצע גראַטעס —
קינדער אָרעמע דאָרט שטייען
אָנגעטאָן אין שמאַטעס.

— זאָגט מיר, ליבע, ווער זייט איר ?
פון וואַנען און וואוהין ?
שווימט איר ערגעץ צו אַ ציל ?
פירט די שיף אייך וואו אַהין ?

און פאַרוואָס, איר טייערע,
האָט די היים פאַרלאָזט ?
טאַטע־מאַמעס אייערע
דאָרט איבערגעלאָזט ?

— מיר האָבן ניט קיין היים פאַרלאָזט,
קיין טאַטן און קיין מאַמען,
און אָן ציל אין וועג געלאָזט
אויף אומבאַקאַנטע ים׳ען.

ס׳האָט נישט קיינער, ליבער פריינט,
פון אונדז שוין מערער קיינעם —
ס׳האָט דער קריג פון אונדז געמאַכט
עלנטע יתומים.

און די היימען אונדזערע
שוואַרץ אין קויל פאַרברענט,
שטייען איצטער חרוב׳ע —
קוימען נאָר און ווענט.

וואָגלען מיר אָן היים איצט אום —
נעכט אַזוי און טעג —
זוכן צו דערשלאָגן זיך
ערגעץ צו אַ ברעג.

מעשה׳לעך

די מאָדנע אַלטיטשקע

1.

אין אַ קליינעם שטעטל האָט אַן אַלטיטשקע פרוי געלעבט.

קיינער האָט ניט געוואוסט ווער זי איז, פון וואַנען זי קומט און צי האָט זי בכלל וועמען: אַ מאַן, אַ קינד, אָדער אַזוי אַ פריינט.

נישט קיין באַרעדעוודיקע איז זי געווען, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, און האָט מיט קיינעם קיינמאָל ניט גערעדט, ניט וועגן אַנדערע און ניט וועגן זיך.

נאָר איין זאַך האָט יעדער איינער געקענט זען — די פרוי איז געווען זייער, זייער אַלט: אפשר אַכציק, אפשר פינף און אַכציק און אפשר אַפילו די פולע ניינציק...

איר גאַנצער פנים איז געווען דורכגעקאַרבט מיט טיפע קנייטשן, ווי רעדער פון שווערע וועגענער וואָלטן איבער אים דורכגעפאָרן, די אויגן טיף איינגעזעצט אונטערן שטערן, און די פלייצעס, ווי אין אַ האָרב אויסגעקיילעכט, האָבן געהאָלפן שלעפּן די, פאַר איר, שווערע לאַסט פונעם אויסגעבויגענעם, איינגעשרומפּטן קערפּער.

מען האָט זי קיינמאָל ניט געזען אָן איר שטעקן, וואָס האָט איר איצט געדינט ווי אַ דריטער פוס, און אויף וועלכן זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט מער זיכערקייט ווי אויף אירע אייגענע פיס.

די אַלטיטשקע איז, ווייזט אויס, זייער אַן אָרעמע געווען. וואָרום געלעבט האָט זי פון גיין איבער די הייזער און אָנקלאַפּן אין פרעמדע טירן. יעדע וואָך, אין אַ באַשטימטן טאָג, פלעגט

זי קומען אין אַן אַנדער געגנט פון שטעטל און גיין פון גאַס־צו־גאַס, פון הויז־צו־הויז, און פון טיר־צו־טיר, און וואַרטן, אַז עמע־צער זאָל איר עפּעס אַרויסטראָגן.

וועט עמעצער דען אָפּזאָגן אַזאַ אַלטיטשקער און ניט וועלן איר עפּעס געבן ?

פלעגט טאַקע יעדער איינער, דערקענענדיק איר קלאַפּ אָדער קלונגביים טיר, איר עפּעס אַרויסברענגען : ווער אַ פּאָר גראָשן, ווער אַ שטיקל ברויט, און ווער אַפילו אַן אַלטע פּאָר שיך, אָדער אַן אַלט אָפּגעטראָגן קליידל. די אַלטיטשקע פלעגט עס צונעמען און אַריינפּאַקן אין איר טאָרבעלע, וואָס זי האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן.

נאָר אַ מאָדנע איז זי געווען די אַלטיטשקע. זי האָט קיינמאָל קיינעם ניט באַדאַנקט און מיט גאָרנישט געפּרוּווט אַרויסווייזן איר אָפּשאַצונג פאַר יענעמס גוטהאַרציקייט. אָנשטאָט אַ דאַנק צו זאָגן, פלעגט זי נאָר אויפהויבן די אויגן, אָנשטעלן זיי אויף דעם געבער און פילבאַדייטנדיק אַרויסזאָגן :

— נישט פאַר מיר טוסטו עס, נאָר פאַר זיך אַליין...

די מענטשן פלעגן בלייבן שטיין פאַרוואונדערט און אַ ביסל געפּלעפּט : אַ מאָדנע אַלטיטשקע ! וואָס האָט זי געקענט מיינען מיט אירע ווערטער ? וואָס האָבן זיי געקענט באַדייטן ?...

יעדן איינעם האָט זיך דאָס שטאַרק געוואָלט וויסן, נאָר קיינער האָט ניט געהאַט די העזה זי צו פאַרהאַלטן און פרעגן.

אייניקע האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן, ווען זי וועט קומען דאָס צווייטע מאָל, זי צו פרעגן. אָבער, ווען עס איז געקומען צו דעם, האָט זיי אויסגעפּעלט מוט. יעדער איינער האָט אַ טראַכט געטאָן : פאַר די פּאָר גראָשנס וואָס איך גיב איר, אָדער

פאַרן שטיקל ברויט, אָדער אַפילו פאַרן אַלט קליידל, זאָל איך זי באַלעסטיקן מיט פראַגן און אַרויפצווינגען אויף איר אַ שמועס, וואָס איז איר אפשר גאָרניט צום האַרצן? ניין, איך וועל עס בעסער ניט טאָן... אפשר וועל איך עס ווען עס איז אויסגעפינען דורך אַן אַנדער וועג... און אַזוי האָט יעדער איינער געדולדיק געוואַרט.

2.

ווי שוין פריער געזאָגט, האָט קיינער ניט געוואַגט אָפּצוזאָגן דער אַלטיטשקער, ווען זי איז געקומען צו דער טיר. נאָר איין פרוי איז געווען אַן אויסנאַם...

אינעם שטעטל האָט אַ רייכע אַלמנה געוואוינט, שוין ניט קיין זייער יונגע געווען. געזאָגט האָט מען, אַז זי פאַרמאָגט אוצרות. נאָר ווי רייך זי איז געווען, אַזוי קאַרג און שלעכט איז זי געווען. קיין טראָפּן וואַסער וואָלט זי קיינעם ניט געגעבן די ליפּן צו באַנעצן... מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי וואָלט גיכער דאָס שטיקל ברויט אין ברונעם אַריינגעוואָרפן, איידער עס אַן אָרעמאַן צו געבן...

איז אָט, אויך צו אָט־דער קאַרגער און רייכער אַלמנה פלעגט די אַלטיטשקע קומען און פלעגט איר הויז ניט דורכלאָזן.

פונקט ווי צו יעדער אַנדער טיר, פלעגט זי צו איר רייכן הויז צוקומען, אין דער ברייטער געפאַרבטער טיר אָנקלינגען און שטעלן זיך וואַרטן, עמעצער זאָל פון דאָרטן אַרויסקומען און איר עפּעס דערלאַנגען.

נאָר אין דעם פאַל איז עס געווען אַנדערש. אָנשטאָט די טיר זאָל זיך עפענען און אַ פריינטלעך פּנים זאָל זיך באַווייזן, פלעגט

אַ פּאַרטקעלע אין פענצטער זיך עפענען און די רייכע פרוי פלעגט פון דאָרט שטרענג אויסרופן:

— עס טוט מיר זייער לייד, מאַדאַם, אָבער איך קען אייך גאָרנישט געבן...

דער פּנים פון דער אַלטער פלעגט זיך גאָרניט ענדערן. קיין סימן פון פאַרוואונדערונג, אָדער פאַרדרוס, איז אויף איר ניט געווען צו באַמערקן. אַוודאי ניט קיין בייזקייט. זי פלעגט נאָר די אויגן אויפהויבן, אויף דער רייכער פרוי זיי אָנשטעלן, און קלאָר און דייטלעך אַרויסזאָגן: — נישט מיר טוסטו עס, נאָר זיך אַליין...

און פּאַמעלעך אַוועקגיין צו אַן אַנדער טיר...

די רייכע פרוי פלעגט בלייבן געפּלעפט: וואָס מיינט זי מיט די ווערטער? פאַרוואָס זאָגט זי עס איר?... אָבער באַלד פלעגט זי זיך באַרואיקן מיטן געדאַנק, אַז מאַלע וואָס אַזאַ אַלטע פרוי זאָגט... מסתמא שוין עובר־בטל... זיי מיינען גאָרנישט, די ווערטער... זיכער מיינען זיי גאָרניט...

און אַ באַרואיקטע פלעגט די רייכע פרוי פאַרמאַכן דאָס פאָרטל און גיין צו זיך אין די צימערן.

אָבער, כאָטש די רייכע פרוי פלעגט דער אַלטיטשקער גאָר־נישט געבן, פלעגט די אַלטיטשקע ניט אויפהערן קומען צו איר. פּונקט ווי צו אַנדערע הייזער, פלעגט זי אויך אַהער יעדע וואָך, אין אַ באַשטימטן טאָג, אין אַ באַשטימטער צייט, קומען און שטעלן זיך וואַרטן ביי דער טיר.

דער רייכער פרוי האָט עס אָנגעהויבן צו מאַטערן. נאָך וואָס קומט זי אַהער? ווייס זי דען ניט, אַז זי וועט דאָ גאָרניט קריגן? אַזאַ אַלטער נאַר... מען דאַרף זי זען אָנלערנען...

און די רייכע פרוי האָט באַשלאָסן, אַז ווען די אַלטיטשקע וועט ווידער אַמאָל קומען, זאָל זי איר ניט ענטפערן... זאָל יענע שטיין און וואַרטן ביי דער טיר אַזוי לאַנג, ביז איר וועט נמאס ווערן, און זי וועט מוזן אַוועקגיין. און נאָך עטלעכע מאָל, וועט די בעטלערין פאַרשטיין, אַז זי האָט ניט נאָך וואָס צו קומען... ווי אַלט און נאַריש זי איז, וועט זי פונדעסטוועגן באַגרייפן, אַז אָנלייגן טרחה אויף אַן אומזיסטער זאַך, איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט...

אָבער די אַלטיטשקע, ווייזט אויס, האָט אָדער ניט פאַרשטאַנען, וואָס די רייכע פרוי מיינט, אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין — מיט איין וואָרט: זי האָט ניט אויפגעהערט צו קומען צו איר...

יעדע וואָך, אין דער באַשטימטער צייט, פלעגט זי קומען צו דער רייכער פרוי׳ס הויז, אָנקלינגען אין טיר און שטעלן זיך וואַרטן.

אַ היבשע צייט פלעגט אַריבער און קיינער פלעגט ניט ענטפערן. די אַלטע, אָנגעשפאַרט אויף איר שטעקן, פלעגט שטיין און געדולדיק וואַרטן, אַזוי לאַנג, ביז די רייכע פרוי פלעגט אַליין דאָס געדולד פאַרלירן... דורך אַ זייט פון פענצטער, הינטער אַ גאַרדין, פלעגט זי זיך צוקוקן, ווי די אַלטיטשקע שטייט אַזוי געדולדיק און ווערט גאָרניט מיד — און אין האַרצן פלעגט איר אָנהויבן צו קאָכן און זידן: אַזאַ אַלטער נאַר!... אַזאַ אַלטע משוגע׳נע!... פאַרשטייט זי ניט, אַז זי האָט דאָ ניט נאָך וואָס צו שטיין?

פון פאַרדרוס פלעגט די רייכע פרוי אָנהויבן שילטן... אָבער סוף־כל־סוף פלעגט דער גביר׳טע נמאס ווערן צו וואַרטן און

עפּענענדיק ראַשיק דאָס פּאַרטקעלע, פלעגט זי אַרויסשרייען:
— איך האָב אייך גאָרנישט צו געבן... גייט געזונטערהייט און באַלעסטיקט ניט אומזיסט קיין מענטשן...
— נישט מיר טוסטו עס, נאָר זיך אַליין... פלעגט די אַלטע רואיק און אָן כעס ענטפערן. און פּאַמעלעך אַוועקגיין זיך פון דער טיר.

3.

דער רייכער פרוי האָט די גאַנצע זאַך זייער פאַרדראָסן. עס האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף אירע נערוון. זי האָט אָנגעהויבן ליידן פון אָפטע קאָפּ־שמערצן און פון צאָן־ווייטיק...
זי פלעגט די אַלטע פאַרוואַרפן מיט קללות, אָבער די קללות, ווייזט אויס, האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט. די אַלטע האָט פאַרגעזעצט צו קומען יעדע וואָך — עפּעס ווי אויף דער גביר׳טעס צעפּוקעניש, ווי אויף איר צעפּלאַצעניש...
די רייכע פרוי האָט געפילט, אַז ווייטער קען אַזוי נישט גיין. אויב עס זאָל אָנהאַלטן נאָך אַ ביסל, וועט עפּעס מיט איר פּאַר־קומען... און צוליב וועמען? צוליב וואָס? צוליב אַט־דער אַל־טער שלעפּערקע?... דער עובר־בטל׳דיקער בעטלערקע?... פּע!... זי טאָר אַזוינס ניט דערלאָזן... איר געזונט איז וויכטי־קער ווי אַלץ אין דער וועלט... זי מוז זען צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דער בעטלערקע איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשניידן דעם וועג צו איר!
זי האָט גענומען טראַכטן, און עס האָט איר לאַנג ניט גע־נומען, ביז זי האָט עפּעס צוגעטראַכט...
אין דעם פרימאָרגן, ווען זי האָט געוואוסט, אַז די אַלטיטש־קע דאַרף צו איר קומען, איז זי אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע

מאָל און גענומען זיך גרייטן צו באַגעגענען די אַלטיטשקע — אַנדערש ווי אַלעמאָל... זי האָט באַשלאָסן אונטערטראָגן דער אַלטער אַזאַ מתנה, וואָס זאָל איר איינשלעפערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל און פאַרשפאָרן איר קומען אַהער...

מיט באַזונדערן חשק האָט זי זיך גענומען גרייטן אַ געבעקס פאַר דער אַלטער. זי האָט געבראָקט און געהאַקט, ניס און מאַנדלען, טייטלען און ראָזשינקעס, צימערינג און פרוכטן פאַרשיידענע, דאָס אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען, און פאַר אַ צוגאָב צוגעלייגט צו דעם אַ פּראָשעק מיט טויטלעכן סם...

און ווען די אַלטיטשקע איז שפּעטער צוגעקומען צו איר הויז און ווי שטענדיק מיט איר ביינערדיקער האַנט אָנגעקלונ־גען אין דער טיר, האָט די גביר'טע דאָס מאָל געטאָן אַנדערש. אָנשטאָט אַ פּאָרטקעלע, האָט זיך געעפנט טאַקע די ברייטע טיר. די באַלעבאָסטע, אַז אויסגעפּוצטע, האָט זי באַגעגנט מיט אַ זיסן שמייכעלע. אין דער רעכטער האַנט, מיט אַ קלאָרער ווייסער סאַלפעטקע פאַרדעקט, האָט זי געהאַלטן אַ פרישן, קיילעכדיקן און שמעקעדיקן טאָרט...

זי האָט עס דערלאַנגט דער אַלטיטשקער און מיט אַ נאָך זיסערן שמייכל ווי פריער, געזאָגט:

— איר זעט, מאַדאַם, קיינמאָל גיב איך אייך גאָרנישט. האָב איך דערפאַר דעם מאָל, ספּעציעל פאַר אייך אָפּגעבאַקט דעם געשמאַקן טאָרט און טראָג עס אייך צו... עסט עס געזונטער־הייט...

ביי זיך אין האַרצן האָט די גביר'טע בשעת־מעשה געטראַכט: זאָל זי נאָר דעם ערשטן ביסן אַרונטערשלינגען, וועט זי שוין דעם צווייטן ניט דאַרפן...

דער אַלטער׳ס פּנים האָט זיך פון דעם אומדערוואַרטעטן סורפּריז ניט געענדערט. ניט קיין פאַרוואונדערונג און ניט קיין באַגייסטערונג איז אויף אים ניט געווען צו באַמערקן. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער פּלוצים מילד־געוואָרענער באַלעבאָסטע און קלאָר אַרויסגעזאָגט:

— נישט מיר טוסטו עס, נאָר זיך אַליין...

ביי דער רייכער פרוי האָט אינעווייניק עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. דער געמאַכטער שמייכל פון פּנים איז פאַרגאַנגען און אַ לייכטער שאָטן האָט אים פאַרביטן, געמישט מיט אַ קליינעם ציטער. זי האָט געפילט, אַז איצט איז די צייט איבערצופרעגן די אַלטיטשקע און אויסגעפינען, וואָס יענע מיינט אַלעמאָל מיט איר שטענדיקן זאָג: „נישט מיר טוסטו עס, נאָר זיך אַליין...״

באַלד אָבער האָט זי זיך באַרואיקט און אַ טראַכט געטאָן: שוין־זשע קען עס זיין וויכטיק צו וויסן, וואָס אַן אַלטער עובר־בטל׳דיקער פרוי פּאַלט איין אַ זאָג צו טאָן?... גיכער ווי אַלץ פאַרשטייט זי אַליין ניט, וואָס זי מיינט מיט דעם... נאָר סיי ווי וועט זי שוין מער אַהער ניט קומען... היינט איז זי דאָ צום לעצטן מאָל...

אַ באַרואיקטע איז זי אַריין צו זיך אין די צימערן.

4.

דער טאָרט האָטווירקלעך גוט געשמעקט און מיט זיין פרישקייט און ריח געריסן די נאָזלעכער. די אַלטיטשקע האָט שוין לאַנג אַזאַ געשמאַקן ביסן ניט געהאַט, און עס האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט פאַרזוכן פון דעם. אָבער דער טאָג איז געווען אַ הייסער און זי האָט באַשלאָסן צו גיין אין פּאַרק, זיך

זעצן אויף אַ באַנק אונטער אַ שאָטנדיקן בוים און דאָרט געניסן אַ שטיקל.

ווען זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי אַרויסגענומען דעם טאָרט פון טאָרבעלע, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און שוין געוואָלט נעמען עס אין מויל און אָנהויבן עסן.

אָבער פּלוצלונג האָט זי דערזען אַ מאָדנע פּאַסירונג. ניט ווייט פון איר, אויף אַ ספּעציעלער סטעזשקע, געמאַכט פאַר די רייכע, זיי זאָלן קענען יעדן פרימאָרגן זיך דורכפאָרן רייטנ־דיק, כדי בעסער דעם פרישטיק צו פאַרדייען און איינזאַפּן אין זיך פרישע לופט און זון־שיין, איז איינער אַזאַ רייטער אָנגעפאָרן. זיין קערפּער האָט זיך פּלוצים גענומען וואַקלען אין אַלע זייטן, און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם פערד... דער פערד איז אַנטלאָפן און דער מאַן איז געבליבן ליגן אויף דער ערד.

די גאַנצע זאַך האָט דער אַלטיטשקער אויסגעזען מאָדנע: וואָס האָט דאָ אַזוינס געקענט פּאַסירן? האָט זי געטראַכט.

זי האָט אַריינגעלייגט צוריק אין טאָרבעלע דאָס שטיקל טאָרט, וואָס זי האָט געהאַלטן ביים איינבייסן, פאַמעלעך זיך אויפגעהויבן און אַוועק צום פּלאַץ, וואו דער מאַן איז געלעגן. זי האָט דערזען אויסגעצויגן אויף דער ערד אַ שיינעם יונגנמאַן, רייך געקליידעט, און מיט אַן אויסגעצערטלטן פּנים. ער איז גע־לעגן און האָט געקרעכצט.

די אַלטיטשקע האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און גע־נומען אים אויספרעגן: — וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר? און ווער ביסטו?

רעדנדיק מיט אַ שוואַכער שטימע, האָט ער איר דערציילט. ער איז דער רייכער פרוי׳ס איינציקער זון... יעדן אינדערפרי,

נאָך פרישטיק, פאָרט ער אַרויס אויף זיין פערד רייטן אין פאַרק. ער האָט עס זייער ליב... נאָר יעדן טאָג עסט ער אָפּ פרישטיק פאַרן אַרויספאָרן, און דעם מאָל האָט זיך אים עפּעס ניט געוואָלט... איז ער אַרויסגעפאָרן אָן עסן. פּלוצים האָט אים גענומען ציען ביים האַרצן, דער קאָפּ האָט זיך אים גענומען דרייען — און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד...

— אָ, ווען דו קענסט מיר עפּעס געבן, האָט ער זיך געבעטן ביי דער אַלטיטשקער: — כאָטש אַ שטיקל ברויט פון דיין טאָרבעלע, דאָס האַרץ צו דערקוויקן... מיין מוטער וועט דיר גוט באַצאָלן פאַר דעם...

דער פרויִ'ס אויגן זיינען ליכטיק געוואָרן און אויף איר צעקנייטשטן פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ צופרידנקייט.

— אָ, זיכער וועל איך דיר געבן, זיכער... — האָט זי אַזוי־וויי גערעדט צו זיך אַליין, פאָרענדיק זיך אין איר טאָרבעלע: — און גראַדע דיין אייגענער מוטער'ס געבעקס... איך קום נאָר וואָס פון איר און זי האָט מיר געגעבן אַ וואונדערלעך געשאַנק, מיט דער ברייטער האַנט געגעבן...

און אַרויסנעמענדיק דעם טאָרט פון טאָרבעלע, האָט זי געזאָגט:

— זייער שיין געווען פון דיין מוטער... זע, וואָס זי האָט פאַר מיר אויסגעבאַקן, ספּעציעל פאַר מיר... זי האָט אַפילו קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז אויך איר זון וועט פון דעם געניסן... זייער שיין געווען...

זי האָט אים דערלאַנגט דאָס זעלבע שטיקל טאָרט, וואָס זי האָט פריער אַליין געוואָלט עסן. אָבער, ווי נאָר ער האָט דעם ערשטן ביסן אַראָפּגעשלונגען, איז ער באַלד געפאַלן טויט...

עס איז געוואָרן אַ טומל אַרום און מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר. יענער האָט דערקלערט דעם יונגנמאַן טויט, כאָטש ער האָט ניט געקענט דערקלערן גענוי, פון וואָס ער איז גע־שטאָרבן: פונעם פאַל, צי פון עפּעס אַנדערש...

ווען די רייכע פרוי איז געקומען צו לויפן און די אַלטיטשקע האָט איר דערציילט די איינצלהייטן, וואָס מיט איר זון האָט פּאַסירט, האָט יענע פאַרבראָכן מיט די הענט און פאַרצווייפלט אויסגעשריען:

— אָ, איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס דו האָסט אַלע מאָל גע־מיינט מיט די ווערטער: „נישט מיר טוסטו עס, נאָר זיך אַליין...״ איצט פאַרשטיי איך שוין...

אויך אַלע אַנדערע אין שטעטל האָבן איצט קלאָר פאַרשטאַ־נען, און מער זיך אין קיין דערקלערונג ניט גענויטיקט...

דער שוואַרצער האָן

איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך יאָרן צוריק.

אין יענע צייטן פלעגט מען אָפט באַשולדיקן די אידן, אַז זיי נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער פאַר זייערע מצות אויף פסח, און די אומוויסנדע מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם, פלעגן באַפאַלן די אידישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט פאַר פסח, און איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך, און דורכפירן אויף זיי בלוטיקע פּאָגראָמען.

האָט זיך איין מאָל געמאַכט אין אַ שטעטל, אַז אַ קריסט איז געווען אין כעס אויף זיינעם אַ שכן, אויך אַ קריסט, האָט ער געכאַפּט דעם שכנ׳ס אינגל, אים דערמאָרדעט און, כדי עס זאָל ניט פאַלן אויף אים קיין חשד, אַריינגעוואָרפן דעם קערפּער צו אַ צווייטן שכן — אַ אידן — אין קעלער.

אַזויווי עס איז געווען פאַר פסח, איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די אידן האָבן דערמאָרדעט דאָס קינד, כדי צו נוצן זיין בלוט אין זייערע מצות.

די פּאָליציי האָט גענומען זוכן, געגאַנגען פון הויז צו הויז, געשנישטערט די בוידעמער, די קעלערס און ענדלעך געפונען דאָס קינד אַ דערמאָרדעטן — ביי דעם אידן אין קעלער.

פאַר די קריסטן, ווי אויך פאַר דער פּאָליציי איז קלאָר געווען, אַז דער איד האָט דערמאָרדעט דאָס קינד.

אומזיסט האָט זיך דער איד געבעטן, געוויינט און גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אומשולדיק, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן און אַז דאָס קינד איז ביי־זוויליק אַריינגעוואָרפן געוואָרן צו אים אין

קעלער. ס׳האָט אויך ניט געהאָלפן דאָס איינשטעלן זיך פאַר אים פון דעם רב און אַנדערע אָנגעזעענע אידן פון שטעטל — די אויפרעגונג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה און געדראָט ניט בלויז אומצוברענגען דעם אומשולדיקן אידן, נאָר אויך די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון שטעטל.

ענדלעך איז דעם רב איינגעפאַלן אַ געדאַנק: בעטן דעם פאָליציי־הויפט, ער זאָל אָפּוואַרטן מיטן משפט דריי טעג צייט און געבן די אידן אַ געלעגנהייט צו זוכן דעם מערדער.

דער פאָליציי־הויפט האָט צוגעשטימט, אָבער מיט דעם באַ־דינג, אַז אויב אין דריי טעג אַרום וועלן די אידן ניט קענען צושטעלן דעם מערדער, וועט ער לאָזן אַרעסטירן ניט בלויז דעם אידן ביי וועמען מען האָט דאָס דערמאָרדעטע קינד געפונען, נאָר אויך אים, דעם רב, און אַנדערע אָנגעזעענע אידן פון שטעטל. און וואָס דער סוף זייערער וועט זיין — איז קלאָר . . .

די אידן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין שול און דער רב האָט אויסגערופן, אַז ווער ס׳וועט געפינען דעם מערדער וועט קריגן הונדערט זילבער־שטיק.

די אידן זיינען געבליבן אין שול און האָבן די גאַנצע צייט געפאַסט און געוויינט און געהאָפט, אַז עמעצער זאָל זיך אָפּזוכן, וואָס זאָל אויפדעקן דעם אמת׳ן מערדער.

אָבער עס איז אַריבער אַ טאָג און צוויי, און קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

און אָט איז אָנגעקומען דער דריטער טאָג. עס רוקט זיך

אַ שעה נאָך אַ שעה, עס איז שוין מיטאָג־צייט, נאָך מיטאָג — און קיינער באַווייזט זיך ניט.

אַט הויבט זיך שוין אָן די זון אַרונטערצולאָזן, עס ווערט פאַרנאַכטלעך, און די אידן שטייען אין שול פאַרצווייפלטע און וויינען און שרייען און ווייסן ניט פון וואַנען עס וועט קומען זייער הילף, ווייל נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה און די דריי טעג ענדיקן זיך...

פלוצלונג, ווי די אידן שטייען אַזוי פאַרצווייפלט, גיט זיך אַן עפן די טיר און אַ יונגער בחור לויפט האַסטיק אַריין:

—איך ווייס נאָך דערווייל ניט ווער דער מערדער איז, אָבער איך נעם זיך אונטער אים צו געפינען. פירט מיך צום פּאָליציי־הויפּט...

פירט מען דעם בחור צום פּאָליציי־עלטסטן און דאָס גאַנצע שטעטל אידן פאָלגן אים נאָך.

— נו, וואָס? — פרעגט אים יענער — דו ווייסט ווער דער מערדער איז?

— ניין — ענטפערט דער בחור — דערווייל ניט. אָבער איך נעם זיך אונטער ביז מאָרגן אים אויסצוגעפינען. נאָר איין באַדינג דערביי: דו זאָלסט זען, אַז אַלץ וואָס איך וויל, זאָל מען אויס־פאָלגן.

— גוט — זאָגט דער עלטסטער — איך וועל עס טאָן.

— אויב אַזוי — זאָגט דער בחור — פאַרלאַנג איך, אַז מאָרגן גאַנץ פרי זאָל די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטעטל, קריסטן און אידן, זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ, קיין איינער פון זיי זאָל אין הויז ניט בלייבן, און דאָרטן וועלן מיר שוין זען וואָס צו טאָן.

באַלד האָט דער עלטסטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל און גע־פאָדערט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, קריסטן און אידן, זאָלן מאָרגן גאַנץ פרי זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פלאַץ.

די דאָזיקע נייעס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל. אַ גאַנצע נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפן און אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס מאָרגן וועט זיין.

און קוים האָט אָנגעהויבן טאָגן איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פיס און גענומען זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פלאַץ. אין גיכן איז אויך געקומען אַהין דער פּאָליציי־הויפּט און נאָך אים דער בחור.

אָבער דער בחור איז ניט געווען אַליין. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ צונויפגעלייגט ביידל און אין דער צווייטער — אַ שוואַרצן האָן.

ער האָט גלייך אויפגעשטעלט דאָס ביידל און געהייסן אַלע־מען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, איינער נאָכן צווייטן, קריסטן און אידן.

— און איצט — האָט ער זיך אָנגערופן צום עולם — וועלן מיר באַלד אויפזוכן דעם מערדער. אָבער ניט איך וועל עס טאָן, נאָר — אָט דער שוואַרצער האָן...

און ווייזנדיק פאַרן עולם דעם האָן, האָט ער ווייטער גע־זאָגט:

— אָט דער האָן איז ניט קיין געוויינלעכער האָן, נאָר אַ וואונדער־האָן. ער קען אַלצדינג זען און אַלצדינג טרעפן. קיין זאַך קען מען פון אים ניט באַהאַלטן, און ער וועט אויך טרעפן ווער דער מערדער איז.

און אַרײַנטראָגנדיק דעם האָן אין בײדל, האָט ער זיך אָנ־גערופן:

— איצט װעט יעדער אײנער אַרײַן אין בײדל און אַרױפֿ־לײגן זײַן רעכטע האַנט אױפֿן האָן. דער האָן װעט בלײַבן שטיל און רואיק. נאָר װי דער מערדער װעט אַרױפֿלײגן זײַן האַנט אױף אים, אַזױ גלײַך װעט דער האָן אָנהױבן צו קרײען און דער־מיט אַרױסגעבן דעם שולדיקן.

און דער עולם האָט אָנגעהױבן אײנער נאָכן צװײטן אַרײַנגײן אין דעם פֿאַרמאַכטן בײדל, בלײַבן דאָרט אַ װײַלע און באַלד אַרױסקומען צוריק. די װאָס זײַנען אַרױסגעקומען זײַנען געשטאַ־נען מיט פֿאַרכאַפּטע אָטעמס און מיט קלאַפּנדיקע הערצער און געװאַרט, אַז אָט באַלד װעט דער האָן אָנהױבן צו קרײען.

נאָר אָט איז די רײ געװאָרן אַלץ קלענער און קלענער. די דורכגעגאַנגענע קוקן זיך נײַגעריק צו צו די פּנימ׳ער פֿון די איבערגעבליבענע און די אידן שטײען נאָך דערצו און די הער־צער קלאַפּן זײ פֿון שרעק.

און אָט זײַנען שױן גאָר די לעצטע געבליבן: די לעצטע פֿינף, פֿיר, דרײַ, צװײ...

און אָט איז שױן דער סאַמע לעצטער. אַלע קוקן זיך צו אים צו מיט נײַגיר און פֿאַרדאַכט. נאָר אױך ער גײט דורך — און דער האָן קרײט אַלץ ניט.

װענדן שױן אַלע זײערע בליקן צום בחור: די אידן — מיט שרעק און פֿאַרצװײפֿלונג, און די קריסטן — מיט כּעס און גלײַכ־צײַטיק מיט באַהאַלטענער פֿרײד.

נאָר דער בחור איז געבליבן רואיק װי פֿריער און װענדנדיק זיך צום עולם, האָט ער אױסגערופֿן:

— און איצט שטעלט זיך אויס ווידער אין אַ ריי מיטן פּנים צו מיר און צו דעם פּאָליציי־הויפּט — און דער מערדער וועט גלייך אויפגעדעקט ווערן.

מיט אומצוטרוי און אָן חשק האָבן אַלע פּויל אויסגעפּאָלגט דעם באַפעל און זיך ווידער אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיטן פּנים צום בחור.

— און איצט — האָט דער בחור באַפוילן — הויבט אַלע אויף די רעכטע הענט און האַלט זיי, ביז איך וועל הייסן אַראָפּלאָזן.

אַלע האָבן אויסגעפאָלגט און אויפגעהויבן די רעכטע הענט.

נאָר וואָס האָט פּאַסירט ? — וואָס האָבן אַלע דערזען ?

ביי אַלעמען זיינען די הענט געווען שוואַרץ, נאָר ביי איינעם, אַ קריסט, איז זי געווען ווייס, ווי נאַטירלעך.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און דערשראָקן אָנגעקוקט דעם קריסט.

— אָט דאָס איז דער מערדער — האָט דער בחור אָנגעוויזן דעם פּאָליציי־עלטסטן אויפן קריסט מיט דער ווייסער האַנט — ער האָט עס דערמאָרדעט דאָס קינד...

דער קריסט איז בלאַס געוואָרן, האָט זיך גענומען וואַקלען, איז צו צום עלטסטן, געפאַלן אים צו די פיס און גענומען אים בעטן, ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און שענקען אים דאָס לעבן: ער האָט עס טאַקע דערמאָרדעט דאָס קינד פון זיין שכן...

ביי די אידן איז געוואָרן אַ פרייד. זיי זיינען זיך געפאַלן אויף די העלזער, זיך געקושט און געווינט פון גליק: זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר ווילט אַוודאי וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט? גאָרנישט האָט פּאַסירט. די זאַך איז געווען זייער איינפאַך. דער האָן איז קיין וואונדער־האָן ניט געווען, ווייל אַזעלכע זיינען ניטאָ. ער איז אַפילו קיין לעבעדיקער האָן ניט געווען, נאָר פּשוט אַן אָנגעשטאָפּטער האָן אויסגעשמירט אין סאַזשע. און ווען די מענטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים זייערע הענט, זיינען די הענט זייערע אויך געוואָרן אויסגעשמירט אין סאַזשע און שוואַרץ. דער מערדער אָבער האָט מורא געהאַט אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף אים, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דער האָן וועט אָנהויבן צו קרייען. און אַזוי ווי קיינער איז מיט אים איןביידל ניט געווען האָט ער געטראַכט, אַז סיווי וועט קיינער ניט וויסן פון דעם און ער האָט זיין האַנט אויפן האָן ניט אַרויפגעלייגט, און אַזוי איז זיין האַנט געבליבן ווייס.

עס איז בלויז געווען אַ קלוגער איינפאַל פונעם בחור, און דאָס האָט גליקלעכערווייז געראַטעוועט אַ גאַנץ שטעטל אידן.

מוזיק פון לעאָ ליאָוו

זיצן זיצן זיבן קינדער



⊗ דער שלום-טאַקט ווערט געברויכט בלויז דעם לעצטן פערז

מיין ייִנגעלע

מוזיק פון משה ראַוך



דאַנק־אויסדרוק

זאָלן די דאָזיקע פאַר ווערטער אויסדריקן מיין טיפן דאַנק צו די חברים קאַרל וואַסערמאַן, זעליק זיפער און שמואל קאָרן פאַר דעם באַזונדערן אינטערעס, וואָס זיי האָבן גענומען אין מיין ביכל, און וועמעס באַמיאונגען האָבן שטאַרק אַרויסגעהאָלפן צו זיין דערשיינען.

אַ דאַנק אויך די מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָרן לעאָ ליאָוו און משה ראַוך, וואָס מיט זייער מוזיק צו צוויי לידער, האָבן זיי געהאָלפן צוגעבן קאָליר און פאַרב צום ביכל. איך האָף, אַז אַ סך לייענער וועלן זיך באַנוצן מיט די מעלאָדיעס און אַריינטראָגן זיי אין זייערע היימען.

אָבער אַ באַזונדערן דאַנק און מיין טיפסטע אָנערקענונג צו ח׳ איטשע גאָלדבערג, וואָס ביי זיין גוואַלדיקער פאַרנומענקייט, האָט גע־פונען פאַר נויטיק אָפּצושפּאָרן צייט און מי, איבערקוקן דאָס ביכל איין מאָל און אַ צווייטן, און אָנווייזן אויף זאַכן, וואָס דאַרפן אויסגע־בעסערט, אָדער געענדערט ווערן. איך האָב זיך מיט זיינע אָנווייזונגען גערעכנט, און איך בין זיכער, אַז דאָס ביכל איז צוליב דעם ווירקלעך אַרויסגעקומען אַ סך בעסער און פּינקטלעכער.

זאָל מיין קליינער ביישטייער צו דער אידישער ליטעראַטור בכלל, און צו דער קינדער־ליטעראַטור בפרט, דינען ווי אַ פאַרגיטיקונג אים פאַר זיין מי און אַרבעט.

משה סטרוגאַטש

אינהאַלט:

אַ וואָרט צו אייך, קינדער — 5
אידישע קינדער — 6
מיין יינגעלע — 7

יידיש־שול

אונדזער שול — 11
דער ערשטער טאָג — 12
זיצן, זיצן זיבן קינדער — 13
שרה'לעס כעס — 14
דאָס עלפטע געבאָט — 16
אַ שפּיצל — 19

אין זונען־שיין

פרילינג — 23
מיין באַגריסונג — 24
צו אַ פייגעלע — 26
די זון — 29
רעגן, רעגן — 30
רעגן, רעגן, רעגנדל — 31
אין געוועט — 32
סאָלדאַטן — 35
אין העלן טאָג — 38

אין אָוונט־בלאַס

אין אָוונט — 41
ביינאַכט — 42
אַ חלום — 44
ביים פייער — 46

אין ווינטער־גרוי

צו די פייגעלעך — 51
אין אַ ווינטער־נאַכט — 53
ווינטן — 54
אויפן שניי — 57
דער פראָסט — 59
אויף שליטלעך — 61
בערעלעס גליטשערס — 63
אויפן פראָסט — 65
בייזער ווינט — 67

באַלאַדע

אַ משפט מיטן פראָסט — 71

אין יום־טוב טעג

ראש־השנה — 93
סוכות — 95

פון קריג און צער

פון דער אַלטער היים — 101
קריגס־וואָגלער — 103

מעשה'לעך

די מאַדנע אַלטיטשקע — 107
דער שוואַרצער האָן — 118

מוזיק

זיצן, זיצן זיבן קינדער — 125
מיין יינגעלע — 126